289

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־4 (העפט 70־468) 31־סטער יאר פעב־אפריל 1970, לאנדאן

אינהאלט:

די לעצטע יוצאי פוילן, דער שעפס, מלחמה־לידער, הגדה לשנת תש״ל,
א פראסטע מעשה אבער אן אלטע ............ * * * 3

שבתי (דערציילונג) ............ ש. י. עגנון 11

דער באטייט פון שבת (עסיי) ............ יעקב ריכטיגער 15

א ליבעס בריוועלע (ליד) ............ דוד בערמאן 18

אויפן לייפציקער יאריד, דעם תפארת שלמה׳ס סידור, דער חסד לאברהם,
דער רבי ר׳ חזקעלע, דער לעצטער פון דער גזע, צום 19טן אפריל
1970. (ליד און פראזע) ............ א. נ. שטענצל 19

„ארום דער וועלט מיט יידיש טעאטער״ (רעצענזיע) עלען ווינאגראד 29

איך בין אמאל יינג געווען (ליד) ............ י. ל. פיין 31

ש. י. הארענדארף ז״ל (צום ערשטן יארצייט פון א יונגן פריינט)
שמואל פידערער 32

א טויט קינד רעדט (ליד) ............ נעלי זאקס 34

„בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז״ ............ ש. 35
לאנדאנער קולטור ידיעות, יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס.

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער ארבעט

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*




ליסקי (ענגלאנד), ישראל סטאלארסקי (ניו יארק), א. א. ליבערמאן (פראנק־רייך), יעקב בעקער (ישראל), משה וואלדמאן (פראנקרייך), שלמה שווייצער (ישראל).

י. א. ליסקי גיט אפ א באריכט פון דער יידישער קולטור־ארבעט אין לאנדאן אויפן אלוועלטלעכן יידישן קולטור קאנגרעס אין ניו־יארק. צוריק־קומענדיק האט ער דערציילט זיינע איינדרוקן פונם קאנגרעס ביי די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס.

## ווארט קאנצערט פון יידישן ליד און הומאר





דאנערשטיק, דעם 29׳סטן יאנואר, האלב אכט אין אוונט, אין קאנוויי־האל, אין רעדליין סקווער, וועסט ענד, דער ווארט־קאנצערט פון יידישן הומאר און יידישן ליד פון די באקאנטע אקטיאר **סעם גאלדבערג** און **עלען ווינא־גראד**.

## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1 — שבת 3 אזייגער)

שבת, דעם 24 יאנואר לכבוד שבת שירה — די באקאנטע אקטיארן סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד. צום 75׳סטן געבוירן יאר פונם פאעט שמעון ווזעק, וועט מען רעציטירן די לידער פונם בעל יובל. יאסף גרינבערג וועט זינגען ווזעקס לידער. מאיר באגדאנסקי וועט זינגען פאלקס־לידער.

שבת, דעם 31סטן וועט די באקאנטע אקטריסע עלען ווינאגראד רעדן איבער הערמאן יאבלאקאווס בוך: „ארום דער וועלט מיטן יידישן טעאטער.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס איז אנגעמערקט געווארן דער 80'טער געבוירן יאר פונם ישראל־פרעזידענט, שלמה זלמן שזר, מ'האט גערעדט איבער די פערזענלעכקייט פונם נשיא און געליינט פון זיינע יידישע לידער. מיר שיקן אים איבער די ברכות פונם פארזאמלטן עולם, און אויך פון אונזער זשורנאל די ברכה פון שלום על ישראל און לאנגע יאר פון געזונט און ארבעט פארן בעל יובל.

* * *

ס'זעכציקסטע יאר ווי דר. אהרן שטיינבערג איז ארויסגעקומען מיט זיין ערשטע ארבעט אין יידיש. 1910 האט דר. זשיטלאווסקי אפגעדרוקט זיין עסיי איבער הערש דוד נאמבערג. מיר ווינטשן דר. שטיינבערג נאך א סך יארן מיט ליטעראַרישע ארבעט.

* * *

דר. שלמה בירנבוים, דער באקאנטער יידיש־וויסנשאפטלער, וואס האט איבער דריי צענדליק יאר געלעבט אין לאנדאן, א צייטלאנג אנגעפירט מיט יידיש־קורסן אין לאנדאנער אוניווערסיטעט, האט זיך באזעצט אין קאנאדע. מיר ווינטשן אים דעם חשובן יידיש־געלערנטער, נאך א סך יארן פון ארבעט אין זיין נייעם מקום מנוחה.

* * *

דר. יעקב מייטליס איז אפגעפלויגן קיין ישראל, ווו ער איז געווארן פארבעטן צו געבן א לעקציע אויף דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע ביים ירושלימער אוניווערסיטעט. זיין רעפעראט וועט באהאנדלען אן אלט־יידישן כתב־יד פון 16טן יאר. די „פרקים“, ארום וועלכן ער ארבעט איצט, כדי צוצוגרייטן א וויסנשאפטלעכע אויסגאבע פאר דער אקאדעמיע אין ירושלים.

שמעון אבראמסקי האט געהאלטן א רעפעראט אין לאנדאנער אוניווערזיטעט: (די נח בארו אנדענק לעקציע) לענין און די יידן.

* * *

מיכאל זילבערבערג אין באגלייטונג פון זיין פרוי איז אפגעפארן אויף א נסיעה קיין ישראל.

* * *

עלא זילבערג האט זיך געפונען אייניקע וואכן אין שפיטאל, און ס'גייט איצט שוין בעסער.

* * *

דר. בערנארד האמא איז נישט געזונט מיר ווינטשן אים רפואה שלימה.

* * *

דער בארימטער אקטיאר מאיר צעלניקער האט אדורכגעמאכט א שווערע אפעראציע, ער געפינט זיך אויף רעקאוועלענסענץ. מיר ווינטשן אים ער זאל אינגאנצן געזונט ווערן און קאנען ווייטער אנגיין מיט זיין ארבעט.

* * *

אין לאנדאן האט אנגעהויבן צו דערשיינען א פעריאדישע אויסגאבע „יידישקייט“ אונטער דער רעדאקציע פון י. ח. קלינגער.

* * *

יעקב ריכטיגער צוריקקומענדיק פון זיין לענגערע נסיעה פון ישראל האט געהאלטן א רעפעראט איבער לעבן אין דער יידישער מדינה.

* * *

היינט אין חודש פאלט אויס די 15'טע יארצייט פון דעם גוט־באקאנטן פאעט יוסף הלל לעווי, וועלכער האט געלעבט דא אין לאנדאן איבער א צוויי צענדליק יאר.

* * *

„אויף פרעמדע גאסן“. די ערשטע לידער פון שמעון ווזעק דערשיינען אין דעם קומענדיקן חודש. ארויסגעגעבן דא פון פריינט לכבוד דעם 75 געבוירן יאר פונם פאעט.

# לשון און לעבן

**חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור**

נומער 2־4 (העפט 70־468) 31־סטער יאר פעב־אפריל 1970, לאנדאן

## די לעצטע יוצאי פוילן

„ווען די נייע עולי פוילן קומען אן, קושן זיי די ערד אין ישראל.“
(פון א צייטונג־ידיעה)

נאך דעם אז אלע אויסגעקוילעט, פארטיליקט,
ווי פארשיווע הינט פון גלות אונז פארטריבן,
לעבעדיקערהייט א מעשה זיך אנצוטון !
וואס וואלט דען עפעס אנדערש אונז איבערגעבליבן.

דאס לעצטע ביסל האב און גוטס אונז אויסגענארט,
לעצט געבליבן טראפן בלוט ארויסגעזויגן,
מיט כאמסקע געלעכטער אונטער אונז, פארשעמטע,
אפגענארטע אזוי, ווהין ווייטער געצויגן ?

איינרייסן די קברים פון אונזערע קדושים ?
אז מ'האט מיט זייער געביין די פעלדער פאראקערט !
ווען נישט איר העלדן איצט אין ישראל, פאר חרפה,
אונזערע פנימער — קרעמאטאריעס אויפגעפלאקערט.

איין גרויסן, איין געוואלטיקן ברידער קבר,
ביי לעבעדיקן לייב זיך אליין צו באגראבן,
אז קיין זכר פון אונז נישט בלייבן ס'זאל,
אז כאמעס אונז אזוי נאריש אפגענארט האבן — —

איר קדושים, די לידיקע הענט אייערע,
נישט בחנם צו די הימלען האט איר געהויבן,
זעט, קינדער אייערע, אייערע אייניקלעך,
ווארטן אונז אפ באוואפנט מיט פרייד און מיט גלויבן.

מיט אפענע ארעמס, צעאקערט זייער ערד,
מקבל פנים אונז צו זיין, קומט זי אקייגן;
מיר קינדער פון איין מאמע, מיר שעמען זיך נישט,
צוצופאלן צו איר, זי קושן, וויינען און שווייגן.

אז פארלוירענע קינדער צו זייער מאמען,
געקומען אהיים וואס קאן זיין א גרעסער וווּנדער ?
טאנצן אונזערע הערצער, פון קינדישע פרייד,
ווי די בערג ארום אונז דא א ראד רונד און רונדער.

איבער די מדבר־בערג, בלוט־געבאדענע,
גייט זון אויף, רונדיק־רויט — מעדאל גין גאלדן;
אין אלע צייטונגען איין שווארץ־גרויסע רעם —
רעם העלדן־טויט פון די גבורים געמאלדן.

יא, ביי איין רונדיקן טיש מען זיצט שוין איצט,
איינער זאגט־צו, דער צווייטער מאכט זיך גלייבן,
אוןביידע ווייסן: מלחמה פויזע בלויז,
פערפרישטע קריגס־כוחות צונויפצוקלייבן.

פול געפאקט די שולן, מעטשעטן, קירכן,
צו לויבן זיין נאמען, נישט ווערט צו מעלדן;
די גאסן איין שכורער הארא־ראד־טאנץ,
לכבוד ד׳אהיימגעקערטע העלדן —

זע, א געדעקטער טיש מיט אלעם גוטן,
וואס איינעמס הארץ גלוסט זיך נאר אויסצוקלייבן,
רונדיקע ערד — — מענטשן נאר איינס־ס׳אנדערע,
מיט עלנבויגנס זיך שטויסן און רייבן.

## דאס פליסן פון מאמעס טרערן

אז א גלית, אן אנגעפאנצערטן,
גאנץ אין קופער און אין אייזן,
אים אוועקלייגן מיט איין קליין שטיינדל,
ס׳קאן א דודל באווייזן —

דערשראקן איז דאס פאלק, אויף די קני שוין,
פאר דעם ריז דעם גרויזאם בייזן,
קומט קליין דודל איין אליין צו גיין,
און זיין פאלק ער טוט דערלייזן.

אז מחנות אבער אנגעלאדענע,
שיסנדיקע מיט געווערן,
האס־צעשפיגלט איינס קייגן ס׳אנדערע —
וואסער גם קאן דעמלט ווערן?

פון ביידע זייטן ס׳העלדישע פאלן,
זיך צו מערן נישט אויפהערן,
און ווי ס׳בלוט פארגיסן אויפן שלאכטפעלד,
דאס פליסן פון מאמעס טרערן.



## הגדה לשנת תש״ל

ירושלים, גאנץ, שוין פריי,
אבער סאיז אלץ נאך דער געשריי,
בסדר „לשנה הבא" —
וואס זיג אז קיין שלום נישטא.

און ס׳ווייסט שוין איצט צומאל דער תם,
די ערגסטע מכה אסוואן־דם,
און דאס וואס נאך איר קומען קאן —
אטאם־באמבע פון טויזנט טאן!

וויפיל מכות פון כוס ארויס?
מעןווארפט, און ס׳לאזט זיך אלץ נישט אויס;
און זיך ציען ס׳וועט זיך ווילאנג,
ס׳בלוטיקע חד־גדיא געזאנג?

נאך פרעגט מען קשיות — נישט נאר פיר,
נאך עפנט מען צו „שפוך" די טיר,
און דער תרוץ דער זעלבער אלץ —
א פעטלע פארשנירט זיך דער האלדז.

און דער „מניך מכות צען"?
טאקע נישט „דיינו" געווען?
ס׳זאל קיינמאל נישט נעמען קיין ענד?
אין אונז? אין זיי? אין וועם געווענדט?

„אחד מי יודע" ווער ווייסט,
שוין דאס זיין, אונזער גאנצע טרייסט —
א דור אריין, א דור ארויס,
אבער מיר האלטן אלץ נאך אויס?

## די דערקלערונגען פון די פיר סאוויעטישע יידישע פירער

פון די דערקלערונגען געגן ישראל,
פון די חשובסטע לייט צווישן לייטן,
ווער פון זיי דער תם, ווער ס׳שיינדיינישל,
שווער אויסגעפינען היינטיקע צייטן.

אויף זיכער צו וויסן ווער דער חכם,
ווער דער רשע, ס׳איז נאך א סך שווערער,
ווארום גיי און זיי א גרויסער חכם,
אין לאנד וו די חכמה גילט נישט מערער.

ווער ווייסט וויפיל טרערן אזא איינער,
ביית שרייבן זיין דערקלערונג פארגאסן — —
ווארום ווער ווייסט, אויב נישט געטון וואס מ׳הייסט,
אין חד־גדיא אונטער שלאס פארשלאסן.

ביים „לשנה הבא בירושלים״!
וויפיל טרערן דארט פארגאסן ווערן;
נישט איין אליהו־הנביא־כוס,
נישט מיט וויין — מיט געוויין וועט פול ווערן.

## די אליהו הנביא כוסה

אוועקגעלייגט די האק און פון טיר צו טיר,
מיט דער גאולה־בשורה שלעפ איך מיך;
אומעטום וואו כ׳קום דעם שפוך חמתך כ׳הער,
איז וויאזוי קאן קומען ער, דער משיח ?

טויט־מיד, א פארביטערט־צעבראכענער ייד,
בלייבט ער זיצן ערגעץ־וואו אויף א שוועל :
אן דער שארפער האק פארשטעקט אין גארטל,
פון דער שיינער וועלט ס׳וועט ווערן א תל.

אויב איינציקע עצה ס׳בלייבט בלויז נאר די האק ?
זיצט ער אזוי פארטרערט, פארקלערט, פארטראכט :
איז הלוך גע׳ילד׳ט ווייטער געוואקלט,
און אין יעדער יידישער שטוב א כוסה געמאכט.

## „אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו״

פינף און צוואנציק יאר פארגאנגען — א גאנצן דור !
נו, שטייט מען איצט ווידער אויף אונז צו פארלענדן;
נישט מער מאדערן מיט גאז־קאמער צו מארדן,
אימפאטענט שוין יידישע טעכטער צו שענדן.

אבער מיראזשן, מיסלס, מיגס און פראזשעקטארס —
מיט פייערווערק די אויגן צו פארבלענדן.

זע דעם יתר־הפליטה איצט אויסצועראטן,
די פילאטן שוין „פרייוויליקע״ זיך מעלדן,
אז ווי די קדושים צווישן די געטא־ווענט
פאלן פאר דער כותל לעצטע פליטים־העלדן.

„וועט דער בכל דור ווייטער אזוי דויערן ?״
צעוויינט זיך מאמע רחל : „אויסהאלטן כ׳וועל דען ?״



ווען פון די גאזקאמערס, די קרעמאטאריעס,
ווען אנגעקומען מיט זייערע געזאנגען,
א טויטן זיי האבן דאך געקענט אויפוועקן,
טאנצנדיק איך בין זיי אקייגעגאנגען.

אז אן אומגליק חלילה אצינד געשען,
מיינע קינדער ווידער געפירט געפאנגען.

## „חסל סידור פסח כהלכתו״

מען זאל זיך נישט שעמען צו זיין א ייד,
מוזן מיר, משמעות העלדן אצינד זיין;
אז די מערדער נישט בלייבן נאך די „הערואן״,
מוז מען, מסתם, מלחמה־מעשים באגיין.

מ׳זאל זיך נאר נישט שעמען צו זיין מענטשן,
אזעלכע גרויסע העלדן ווערן נאך מען קאן;
טליתימדיק־ווייס, תהלימדיק־בלוי,
ס׳זעט זיך אן יעדער בלוט־פלעק אויף אזא פאן.

## א פראסטע מעשה אבער אן אלטע

אזויפיל מארד, יעדן טאג צאפלדיק פרישער,
מוז מען דאך א חשבון־הנפש מאכן;
בלויז ווילאנג קאן מען דען א שקר צודעקן,
אז יעדן טאג טוט ער זיך פאר־צען־פאכן.

און אזוי אפן אן חרפה, אן שום בושה !
דער ציל הייליקט ס׳מיטל ? די אידעע ? מעגלעך;
אבער אז דער ציל שוין די אטאם־באמבע רק,
אזוי מארקשרייעריש פראסט, גראב, טאג־טעגלעך.

טא וויאזוי, קאנט איר זיין די בעלי־דיעה ?
איין אידעע און אליין מ׳רייסט פון זיך שטיקער ?
וויאזוי אייך גלויבן חבריש, ברידערלעך,
אז דער „מיין״! „מיין״! ביי אייך אליין דער עיקר.

די פירער פון דער וועלט, פון דער גאנצער וועלט,
ווי לייכט וואלט איר עס אצינד געקענט ווערן,
רייסט מען זיך ארום איבער ערד, א פיצעלע,
„מיין, מיין ס׳מוז זיין״! „ניין, צו מיר ס׳מוז געהערן״!

זעט מען וואס צווישן אייך אליין אצינד ס׳קומט פאר,
הייבט מען אויפסניי אן ווי א קינד צו גלויבן :

ווי, אן אנשיקעניש, ווי אויף בבל טורעם,
מענטש צעמישעניש, געשריי צום פארטויבן —

אלץ שוין דערגרייכט הילכיקסטן פאראל, מינדסט פארמול
אויסגערעכנט געניי אויף אות, אויף ציפער,
אבער צווישן די שורות טאנצט דער שטן גאר,
און דעם שווארצן שטריך אונטן ציט לוציפער —

צוויי ריזן, צוויי הימליש געפאלענע נפילים,
נאר ביי דעם קוקט ארויס דאס כינטשיק צעפל,
און ביי צווייטן, די ידים ביי די באקעס,
פון צוויי גרויסע שטיוואלעס — ס׳פאניע קעפל.

וויעטנאם, סועץ? דער שווארץ־יאר ווייסט: ווער, ווו, וועם?
ווען עס גייט בלוט שטייט דער טייוול ביים צאפן!
ניין, דאס מיינט נישט חברשאפט, ברידערלעכקייט, מענטשהייט —
פאר זיך נאך א פיצל ערד צו פארכאפן!

גלויבנדיק אין אייך אין אייער ערלעכן כוח,
דעם סוד פון אטאם אייך איבערצוגעבן,
יונגע ליכטיק־גלויביקע קינדער אונזערע
מיט פרייד אוועקגעגעבן זייער לעבן.

ווי פראמעטעאוס ס׳פייער ביי צעאוס געגנבעט,
אויף דער ערד פאר די מענטשן אראפצוברענגען —
ווי ס׳פרעסט די לעבער: א חרב־המתהפכת
זאל זי אצינדער איבער אונז הענגען?

פון טאלסטאי, גארקי, טשעכאוו וואס געווארן,
דאסטאיעווסקיס ווייפארוויקלטע ווילדע וויזיעס?
מיינט „אחרית הימים" פאר מענטשן און פעלקער,
וואס מער באוואפנטע אטאם־באמבעס?

אז אך און אז ווי איז צו אייך און צו אונז אלע,
וואס פון מארקס געמאכט, פון לענין געווארן — —
„מיין גייסט זאל נישט בלייבן אין דעם מענטש אויף אייביק"!*
ג־אט שוין אויסגעשריגן האט אין זיין צארן.

ווי יענע מיט דער מאה, די בעלי דיעה
מיט די אטאם־באמבעס ווילט איר איצט ווערן?
היה לא תהיה! אויב דאס מיינט חברשאפט,
נישט די מענטשהייט, נאר זיך וועט איר צעשטערן —

* בראשית ו. ג.



לימים א מעשה נורא מען וועט זיך דערציילן:
אכט הונדערט מיליאן סלאוון און כינעזער,
אזויפיל, אזויפיל מוסלמענער פעלקער,
אראבישע שבטים, פאליסטינעזער.

און מיצקע דרינען ישראל, ירושלים — —
וויאזוי איז דאס גאר מעגלעך געוועזן?
וועט מען אויפמישן ס׳חומשל, ספר בראשית,
און די מעשה פון בבל טורעם לעזן.

ש. י. עגנון

## שבתי

די איינצלהייטן פון אלעם זענען פארהוילן, אבער דער עיקר פון דער מעשה איז באקאנט און מפורסם, אז ביי אונז אין שטאט האט זיך געפונען א געוויסער ייד, מיטן נאמען ישראל קופערשמיד, וואס איז געווען א גרויסער קינסטלער אין דעם פאך און געמאכט קופערנע כלים און כלים פון פאלירטן קופער. קעסלען און טעפ און פאנען און חנוכה־לעמפ און שבת־לייכטערס, קליינע מנורות און גרויסע מנורות, וואס מען הענגט זיי אויף אין שול און אין בית־מדרש און ביי בעלי־בתים אין די הייזער און הענגלאמפן. טייל פון זיי זענען געווען געמאכט אין דער געשטאלט פון א לייב, אין דער געשטאלט פון אן אדלער, אי דער געשטאלט פון א הירש, טייל פון זיי מיט קנאספן און בלומען און כל־ערליי אנדערע שיינע צורות, וואס פארשאפן פרייד דעם אויג מיט זייער הערלעכקייטאון באלייכטן א פרייטאג־צו־נאכטס ווי די לבנה און די שטערן, אזש יידישע אויגן הויבן אן פינקלעןביים דאווענען. בשעת דער ארבעט פלעגן אים קומען אויף דער מחשבה די פארבארגענע נחמות און ישועות, אויף וועלכע עס האפן און ווארפן די, וואס היטן אפ שבת, אז עס זאלן זיי געגעבן ווערן אויף יענער וועלט, ביז זיינע איינגעווייד זענען אנגעפילט געווארן מיט געזאנג און ער פלעגט נעמען זינגען זמירות און אלע איבריקע זיסע שבתדיקע תפילות און דער האמער פלעגט אים צוקלאפן צום טאקט, און פון פרייד פלעגט ער אויפהויבן זיין קול מיט א שבח צו הקדוש ברוך־הוא דערפאר וואס ער האט אונז געשענט אזא גרויסן און הייליקן טאג.

פרעגט אים אמאל זיין ווייב,

— וואס ביסטו עפעס אזוי פריילעך?

ענטפערט ישראל,

— כ׳האב מיך דערמאנט אין שבת, פריי איך מיך. קום און זע די מעלה פונם שבת קודש. מ׳צינדט אן א ליכט לכבוד שבת, ווערט ליכטיק אויף

* צו די שלושים פונם מחבר, דעם נאבעל־פרייז טרעגער פון דער העברעאישער ליטעראטור.

ביידע וועלטן. מ׳גרייט אן עפעס גוטס אויף שבת, גיט דער שבת יענעם אלץ וואס ער ברויכט. מ׳היט אפ שבת אויף דער וועלט, ווערט מען אפגעהיטן אויף יענער וועלט און אויך פון אלע מינים פורעניות.

און יענער ישראל איז נעבעך געווען א גרויסער ארעמאן, וואס עס האט זיך אים קיינמאל נישט איינגעגעבן ערלעך צו האלטן שבת ווי עס געהער צו זיין, מחמת פון זיין גאנצער ארבעט האט ער קיינמאל נישט געזען קיין איבריקן גראשן. און ווען ס׳פלעגט קומען ערב־שבת איז נישט געווען מיט וואס איינצוקויפן. זיירע מנורות זענען געשטאנען אן ליכט און די טעפ זענען געשטאנען אן פלייש און פיש און אן שום שבתדיק געקעכטס, און דאס ווייב פלעגט שטיין און רעדן מיט וויטאק — ווי איז אונז, מיר האבן גארנישט אויף שבת.

פלעגט ישראל נישט וועלן פארשוועכן דעם שבת און פלעגט ערגעץ־וואו אריינגיין און נעמען זיבן שטיקלעך קופער און זיי אויסהעמערן און אויספרעגן אויף זיי א געשטאלט, מאכנדיק פון זיי זיבן מטבעות ווי דאס מלכות מאכט, ישראל פלעגט רעדן צו זיך אליין,

— דער קיסר זאל לעבן, איז א גרויסער עושר און האט א גוט הארץ צו יידן, וועט עס דען אים ארן וואס איך מאך מיר א פאר מטבעות?

איינע האט ער געמאכט אויף ליכט, איינע אויף ראזשינקעס צו מאכן פון זיי וויין אויף קידוש, איינע אויף חלות, איינע אויף פלייש, איינע אויף פיש, איינע אויף קוגל און איינע אויף קוכן. און קיינער האט נישט געקענט דערקענען קיין אונטערשייד צווישן זיינע מטבעות און די מטבעות פון קיסר. מעגלעך, אז דער קיסר אליין האט יא געקענט זען אן אונטערשייד, אבער דער קיסר איז זיך געזעסן אין ווין און ישראל איז זיך געזעסן ביי אונז אין שטאט, און פון אונזער שטאט קיין ווין איז געווען א מהלך פון פינף הונדערט מייל און אפשר מער.

איך און איר, הייליקע יידן, זענען זיכער נישט געגאנגען צום קיסר און אים פארמסרן, אבער אנדערע זענען יא געקומען צום קיסר און עס אים אויסדערציילט, אז ישראל דער קופערשמיד מינצט מטבעות.

האט דער קיסר עמיצן געשיקט צו ישראלן דעם קופערשמיד. עס איז דעמאלט גראד געווען ערב־שבת און ישראלס ווייב איז געשטאנען און געווארט צו גיין אין מארק אריין איינצוקויפן אויף שבת. איידער וואס־ווען איז געקומען דער שליח פון קיסר און גענומען די מטבעות אין קיסרס שאצ־קאמער אריין זיי צו אויסצופארשן, און ישראלן האט ער געלאזט בינדן די הענט אין קייטן הינטן ארום און אים אוועקגעפירט אין תפיסה אריין. די הענט, וואס זענען געווען געוואוינט צו לייטן שיינע כלים, האבן איצט געפילט ווי אייזערנע קייטן שניידן זיך איין אין זיי. דאס מויל, וואס פלעגט זינגען זיסע זמירות, איז איצט געווארן פארשטומט דורך יסורים.

איז ישראלס ווייב זיך געזעסן איינע אליין און געזיפצט און נישט געוואוסט ווי זיך אן עצה צו געבן איבער איר מאן, וועמען מען האט איינ־



געזעצט אין תפיסה, און נישט געהאט קיין שבת־ליכט, נישט קיין וויין אויף קידוש, נישט קיין חלות און נישט קיין פיש און נישט קיינעם פאר וועמען זיך אויסצואוויינען, אז זי האט נישט מיט וואס אריינצוברענגען דעם שבת. ווי שווער עס זאל נישט אנקומען און מיט וואס פאר א פיין, אן אשה נעמט דאך אלץ אויף זיך אבי נאר אויפצונעמען דעם שבת, און איצט שטייט זי דא אן א פרוטה, דעם מאן פירט מען אין קייטן אין א ווייטער שטאט אריין און זי האט נישט קיין שום אנונג ווען ער וועט צוריקקומען צו איר. האט זי אויסגעשפרייט די הענט צו גאט און געזאגט, — רבונו־של־עולם, האבן מיר דען דאס געטון פאר אונזער הנאה וועגן און נישט פאר דיין ליבן נאמען וואס דו האסט אונז געבאטן ערלעך צו האלטן דעם שבת? און איצט, אז מיר האבן געטון וואס דו האסט געבאטן, מוז איך זיצן עלנט איינע אליין און מיין מאן עלנט און אליין אין תפיסה!

ווער ווייסט ווילאנג עס וואלט איר אויסגעקומען צו זיצן אזוי פאר־שעמט אין איר צער, ווען עס קומט גראד נישט אין דער שעה א געוויסער זקן און קלאפט אן אי דער טיר און פרעגט צי ישראל דעם קופערשמידס ווייב וואוינט נישט דא. האט זי אויפגעעפנט און דערזען פאר זיך א שיינעם מענטש, א הדרת־פנים ווי דער מלך אליין, מיט א קאפ העכער פון אלע אנדערע מענטשן, און זיינע אויגן לויכטן ווי דאס ליכט פון די זיבן טעג פון דער וואך, און די בארד גרייכט אים ביז צו דער גארטל, און דאס קול זיינס איז ווי דאס קול פון א בעל־קורא ביים לייענען די תורה, און זיינע רייד זענען זיס ווי האניק. ער האט פאר איר אנידערגעלייגט זיבן פרוטות און געזאגט,

— דיין מאן שיקט דיר דאס געלט, קויף דיר ליכט אויף שבת און וויין און חלות און פלייש און פיש. — זי האט נישט באוויזן אים א פרעג צו טון וואו ער האט געזען איר מאן און שוין איז דער זקן נעלם געווארן פון אירע אויגן.

האט זי זיך אויפגעשטעלט און אפגעווישט די טרערן, האט זיך איינגעהילט אין א פאטשיילע און איז ארויס אין מארק אריין איינצוקויפן אלץ וואס זי ברויכט אויף שבת און געדעקט דעם טיש מיט ליכט און וויין און מיט מאכלים און געטראנקען. און נישט בלויז דעם פרייטאג, נאר יעדן ערב־שבת, אלע טעג ווען ישראל איז געזעסן אין תפיסה, פלעגט אט דער זקן קומען און אנידערלייגן פאר איר זיבן קופערנע מטבעות און זאגן,

— דיין מאן שיקט דיר געלט צו מאכן שבת. — איידער זי האט באוויזן אים עפעס צו פרעגן, איז ער שוין פארשוואונדן.

מיר ווייסן נישט וויפל יארן ישראל איז אזוי געזעסן אין תפיסה. דאס מלכות, אז עס נעמט זיך צו וועמען, לאזט אים נישט אזוי גיך אפ. האט הקדוש ברוך־הוא געזען ישראלס צער און זיך דערבארעמט איבער אים און האט אים אויפגעבונדן די קייטן און אים ארויסגעפירט פון דער תפיסה, און נישט בלויז האט ער אים אומגעקערט אהיים צום ווייב, און נישט בלויז

האט מען אים נישט פארפירט קיין פראצעס, נאר יענע מטבעות, וואס דער הויפטמאן האט ביי אים צוגענומען, זענען פארשוואונדן פון קיסרס שאצקאמער, אז קיין פרוטה איז נישט איבערגעבליבן פון זיי. און נאך דעם ווי זיי זענען נעלם געווארן האט מען זיי שוין נישט געקענט אויספארשן און אים פארפירן א פראצעס.

איז ישראל באפרייט געווארן פון תפיסה און האט זיך אומגעקערט אהיים צום ווייב. האבן זיי זיך געפריידט מיט א גרויסער פרייד און אפגעגעבן א שבח און א לויב זיין ליבן נאמען, וואס איז מתיר אסורים. און זיי האבן זיך געמאכט א גרויסן יום־טוב און זיך דערציילט איינס דאס אנדערע אלץ וואס מיט זיי האט פאסירט פון דעם טאג אן ווען דער הויפטמאן האט זיי צעשיידט מיט כוח.

אינמיטן אט די רייד האט ישראל געפרעגט זיין ווייב,

— וויאזוי האסטו דאס אויסגעהאלטן אט די אלע טעג?

האט זי אים געזאגט,

— א גאנצע וואך האב איך געלעקט דעם שטויב, נאר יעדן שבת־קודש איז מיר דער טיש געווען געגרייט און די ליכט געצונדן און עס האט מיר גארנישט געפעלט.

— און פונוואנען האסטו דאס אלץ געהאט?

האט זי אים געענטפערט,

— האסטו דען מיר נישט געשיקט יעדן ערב־שבת געלט, אז איך זאל מיר איינקויפן אלץ וואס מען דארף אויף שבת?

ערנטפערט ער איר,

— כ'ווייס נישט וואס דו רעדסט.

זאגט זי,

— מאכסט שפאס, ישראל. האסט דאך אליין מיר געשיקט דאס געלט!

שטייט ער און וואונדערט זיך און זאגט,

— איך האב דיר געשיקט געלט?

זאגט זי צו אים,

— יעדן ערב שבת פלעגט א געוויסער זקן קומען און מיר זאגן, אז ישראל שיקט מיר אויף וואס איך ברויך אויף שבת.

ענטפערט איר ישראל,

— איך ווייס גארנישט דערפון.

מאכט זי,

— אויב דו ווייסט נישט, ווער זשע דען ווייסט?

האט ישראל זיך פארטראכט איבער אט די זאכן און געזאגט,

— איך קען נישט יענעם זקן און דו קענסט אים אויך נישט. אויב אזוי, מוז ער זיין אליהו הנביא, זכור לטוב, און אפשר איז עס ער, וואס האט ארויסגענומען מיינע מטבעות פון קיסרס שאצקאמער, כדי דער קיסר זאל זיי נישט דערקענען.



זאגט ישראלס ווייב צו ישראלן,

— זאג נישט, אז ס'איז אליהו. כ'האב בפירוש געהערט, אז ער רופט זיך שבתי.

אויך מיר זענען גענייגט אנצונעמען די מיינונג פון דער פרוי, אז יענער זקן איז נישט אליהו, ווארום מיר געפינען דאך אין דער גמרא ווי זיכער עס איז פאר יידן, אז אליהו הנביא קומט קיינמאל נישט ערב־שבת. נאר יענער זקן איז געווען דער שבת־קודש אליין און צוליבן אמת האט ער זיך אנגערופן מיטן נאמען שבתי און צוליב דעם וואס השם יתברך האט ליב דאס יידישע פאלק און וויל נישט, אז זיי זאלן פארשוועכן דעם שבת, האט ער איר געשיקט דעם שבת אליין.

פון עברית איבערזעצט, **א. אלמוג**

יעקב ריכטיגער

## דער באטייט פון שבת

דער צווייטער יסוד פון יידישן גלויבן איז — אז צו דעם שאפן פון דער ערדישער וועלט האט געגומען א סוף. אזוי ווי תורת משה דערקלערט, גאבן איבערגעבן די ממשלה איבער די ערדישע וועלט צום מענטש, „ויכלו השמים והארץ וכל צבאם": פארטיק זענען געווארן דער הימל און די ערד מיט אל־זייערע פאטענציאליטעטן. און צו באטאנען אז די אידעי, פון אויפהערן באשאפן, איז וויכטיק פארן יידישן גלויבן, ענדיקט תורת משה דאס קאפיטל — „ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו": געבענטשט האט דער אלמעכטיקער דעם זיבעטן טאג און אים געהייליקט, „כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא לעשות": ווייל אין אים האט ער אפגעשטעלט די גאנצע ארבעט, וואס ער האט געשאפן צו אנטוויקלען. (בראשית ב').

אבער פון דעם אפשלוס, „אשר ברא אלקים לעשות": וואס דער אלמעכטיקער האט באשאפן זי זאל זיך אנטוויקלען, האבן די צוזויפשטעלער פון יידישן וועלט באנעם ארויסגעדרונגען אז די ארבעט איז נים אפגעשטעלט געווארן פאר איין טאג, נאר אויף אייביק. זייער מיינונג איז, אז זינט דעם סוף פון די ששת ימי בראשית זענען אלע פאסירונגען און געשעענישן אין דער ערדישער וועלט א געוועגלעכער ארויסקום פון די פעסטגעשטעלטע נאטור געזעצן, ניט ניי באשאפונגען, כאטש זיי זען אויס צו זיין איבערנאטירלעכע אדער נסימדיקע דערשיינונגען. (בראשית רבה פי' א־י)

ווי מען זעט דאס פון א דערקלערונג אין א משנה, די משנה זאגט — „עשרת דברים נבראו בערב שבת בין השמשות": צען זאכן זענען באשאפן געווארן צום סוף פון די ששת ימי בראשית. די ערשטע פון זיי איז די ערד ציטערניש אדער שפאלטונג, וואס האט איינגעשלינגען קרח'ן מיט זיין עדה, כאטש לויט די דערציילונג אין תורת משה, זאל משה האבן געזאגט — „ואם בריאה יברא ה'": אויב אבער גאט וועט באשאפן א ספעציעלע באשאפונג, (במדבר ט"ז) פונדעסטוועגן האלט די משנה, אז די אויסערגעווע־

לעכע געשעעניש איז ניט דעמאלס עקסטרא באשאפן געווארן, נאר מען האט זיי בעת די ששת ימי בראשית ארייינגעגעבן אין דעם נארמאלן נאטור פראצעס, און אזוי אויך אלע אנדערע נסימדיקע דערשיינונגען פארצייכנט אין דער משנה.

און די מפרשים פון דער משנה קאמענטירן, אז ניט אליין די וווּנדערליכע זאכן וואס די משנה רעכנט אויס, נאר אלע אנדערע איבערנאטירלעכע דערשיינונגען פארצייכנט אומעטום אין תנ"ך זענען געווען א טייל פון נארמאלן נאטור פראצעס, ניט קיין ספעציעלע באשאפונגען אין דער צייט פון פאסירן. פשוט דערפאר — זאגן זיי — וואס זינט דעם סוף פון די ששת ימי בראשית אדער די דערשיינונג פון ערשטן קולטור מענטש האט דער אלמעכטיקער גאר ניט באשאפן און ניט פארענדערט די פעסטגעשטעלטע נאטור געזעצן אין דער ערדישער וועלט. (פרקי אבות פ"ה־ה', רמב"ם און רבינו יונה)

אין תנ"ך געפונען זיך פארצייכנט א סך געשעענישן וואס זייער אויסטייטש איז א באשטעטיקונג אויף דער אויבן אנגענומענער מיינונג. ווי למשל די ווייטער ציטירטע באשרייבונג וועגן יציאת מצרים, — „ויהי בשלח פרעה את העם": האט דער אלמעכטיקער זיי ניט געפירט דורכן לאנד פלשתים, כאטש דאס איז געווען דער נאענסטער וועג, ווייל ער האט געטראכט — טאמער וועט קומען צו א מלחמה וועלן זיי צוריק קערן קיין מצרים. (שמות י"ג) פרעגט זיך — דער אלמעכטיקער האט דאך געקאנט זען דערצו אז די פלשתים זאלן לאזן דורכגיין זייער לאנד? נאר זינט די דערשיינונג פון ערשטן קולטור מענטש ווערט ניט צוגענומען פון מענטשן אדער פעלקער די פרייהייט צו טוען וואס זיי ווילן.

אדער למשל די פארויסזאגונג וועגן די שוועריקייטן צו באזעצן דאס לאנד כנען, — „לא אגרשנו מפניך בשנה אחת": איך וועל די כנענישע פעלקער ניט פארטרייבן פון פאר דיר אין איין יאר, טאמער וועט דאס לאנד ווערן א וויסטעניש און די חיות פון פעלד וועלן זיך מערן. (שמות כ"ג) האט דאך דער אלמעכטיקער געקאנט זען דערצו אז די חיות זאלן זיך ניט פארמערן? נאר זינט דעם סוף פון די ששת ימי בראשית פארענדערט ער ניט די פעסטגעשטעלט נאטור געזעצן.

דער יידישער וועלט באנעם האט דעריבער אנגענומען, אז אויך אין דער צוקונפט אדער אין „באחרית הימים" וועלן בלויז די מענטשנקינדער ציוויליזירן זייערע קולטור סיסטעמען, ניט דער אלמעכטיקער וועט פארענדערן די פעסטגעשטעלטע נאטור געזעצן. ווי די חכמים זאגן — „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד": דער איינציקער אונטערשיד צווישן דער איצטיקער וועלט און די צייטן פון משיח וועט זיין וואס די באצווינגונג און באהערשונג פונם יידישן פאלק וועט אויפהערן. (שבת ס"ג און רמב"ם הלכות מלכים הי' ב־ב') אין דעם זינען טייטשן די מפרשים טאקע אויס די נביאות פון ישעיה — „בלע המות לנצח": פארשווינדן וועט די



מערדעריי פון פאלק ישראל אויף אייביק ווייל עס וועט ווידער זיין זעלבסטשטענדיק אין אייגענעם לאנד, ניט אז מענטשן וועלן אויפהערן צו שטארבן. (ישעיה כ"ה, רד"ק)

די טעאריע פון יידישן וועלט באנעם, אז די ציוויליזאציע פון די רעהאביליטאציע פון דער ערדישער וועלט ליגט אין די הענט פון מענטש, ווערט שוין באטאנט אין די ערשטע קאפיטלעך פון בראשית. ווען עס האט אויסגעבראכן דער קאנפליקט צווישן די ערשטע קולטור מענטשן קין און הבל וועגן קינאה, וואס דער קרבן פון דעם שאף פאסטוך הבל איז אנגענומען געווארן און פון ערד ארבעטער קין ניט, האט גאט געזאגט צו קין — „למה חרה לך ולמה נפלו פניך": פארוואס ביסטו בייז און דיין פנים איינגעשרומפן? צי ווייסטו ניט אז דו וועסט גוט זיין וועסטו זיך פארטראגן מיט דיין ברודער — וועט איר לעבן אין שלום — און אויב דו וועסט ניט זיין גוט וועט ביי דיין טיר פארדארב הויערן — וועלן בלוטיקע מלחמות זיין צווישן אייך?. (בראשית ד')

און שפעטער האט דער עלאגיסט פון איכה דערקלערט — „מפי עליון לא תצא הרעות והטוב": שלעכטס און גוט איז ניט א באפעל פון אויבערשטן, טא וואס האט א לעבעדיקער מענטש זיך צו באקלאגן אויף א זינד וואס קומט פון אים זעלבסט? (איכה ג') דאס הייסט כאטש דער קאנטראסט צווישן שלעכטס און גוט איז א טייל פון באשאפונגס פראצעס — צו אידענטיפיצירן שלעכטס מוז זיין גוטס און להיפוך, דאך איז ניט שלעכטס אדער גוטס א טייל פון די נאטור געזעצן, נאר זיי זענען אן אטריבוט פון מענטשנמין — די ברירה איז אין די הענט פון יעדן מענטש צו מאכן פון דער ערדישער וועלט א גיהנם אדער א גן עדן.

דאס זעט אויס צו זיין דער אנדייט פון שבת, אין געבאט פון די ערשטע עשרת הדיברות צו רוען אין שבת ווערט געזאגט — „זכור את יום השבת לקדשו . . . כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, את הים ואם כל אשר בם": געדענק צו הייליקן דעם שבת . . . ווייל אין די ששת ימי בראשית האט גאט געמאכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אלעס וואס איז פאראן אין זיי. (שמות כ"ג) אלע אויסערגעווענלעכע פאסירונגען און איבערנאטירלעכע דערשיינונגען געפונען זיך אין דעם באשאף און אלעס איז פערפעקט, וואס וועט קיינמאל ניט דארפן פאררעכט אדער פארענדערט ווערן.

וואס דארף פאררעכט אדער פארענדערט ווערן איז — דעם מענטשס אטריבוט צום באשאף: „זיין אריינברענגונג פון גוטס און שלעכטס אין דער ערדישער וועלט". דאס ווערט טאקע באווארענט אין דעם געבאט וועגן שבת פון די צווייטע עשרת הדיברות. דארט שטייט — „שמור את יום השבת לקדשו . . . כי עבד היית בארץ מצרים . . . על כן צוך ה' אלקיך לעשות את יום השבת": היט אפ צו הייליקן דעם שבת טאג . . . ווייל דו ביסט געוועזן א קנעכט אין לאנד מצרים . . . האט גאט דיין אלמעכטיקער דיר באפוילן צו היטן דעם שבת טאג. (דברים ה') דאס רוען אין שבת איז ניט

— ווי מען זעט — אסימבאל פון א דאגמאטישער אמונה, נאר אן ערשטער שריט פון פראקטישער ציוויליזאציע.

די פראקטישע ציוויליזאציע, פון געבן פרייהייט צו די פאריאכטע אין שבת, איז אן אנטיטעז צו דעם וואס די דענקער פון אלע אנדערע אמונות באהויפטן. זייער טעאריע איז אז דער באשאף פון דער ערדישער וועלט איז חסרונדיק וועגן איר דואליזם, וואס האט געפארעמט קאנטראסטן — מיטן גוטס אויך שלעכטס — און דערפאר מוז קומען א נייער גאט־זון אדער א משיח צו איבערבויען איר — זי זאל ניט מער האבן דעם קאנטראסט פון שלעכטס, נאר בלויז גוטס.

אין אמתן איז אזוי ווי די גמרא זאגט — „זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו": די צוויי ווערסיעס פון די עשרת הדיברות וועגן דעם מאטיוו פון רוען אין שבת קאמפלעטירן איינע די אנדערע. (שבועות כ׳) דער געבאט וועגן שבת אין די ערשטע עשרת הדיברות באטאנט, אז דער באשאף, פון הימל, ערד און ים מיט אלץ וואס געפינט זיך אין זיי, איז געוועזן פערפעקט — אין זיי איז ניט פאראן קיין גוטס אדער שלעכטס. און דער געבאט וועגן שבת אין די צווייטע עשרת הדיברות ווייזט אן, אז דעם קאנטראסט פון שלעכטס, אזוי ווי די מצרישע פארשקלאפונג, האבן די מענטשנקינדער ארייני־געבראכט. און אז דער ערשטער שריט פון רעהאביליטאציע דארף זיין — צו באפרייען פון ארבעט אין שבת אלע פאריאכטע, מענטשן אדער בהמות, דאס איז דער באטייט פון שבת.

דוד בערמאן

# א ליבעס־בריוועלע

— אני חבצלת השרון — שיר השירים —

איך שיק מיין געליבטער א ליבעס־בריוועלע
און לייג אריין א ווייס ליליע־בלימעלע:
דו ביסט שיין ווי א בלימעלע, געליבטע;
ווי א ליליע פון טאל — א פרילינגס־בלימעלע!

איך שיק מיין געליבטער א ליליע־בלימעלע,
פון א ליבעס־וואלד א ליליע־בלימעלע
און הער אין וואלד א פייגעלע
זינגט צו דיר א ליבעס־לידעלע.

שיק מיר צוריק א ליבעס־בריוועלע,
פול מיט זיסע ווערטעלעך, געליבטע!
דו ביסט שיין ווי א בלימעלע, געליבטע;
מיין ליליע פון טאל, מיין ליבעס פייגעלע!

טרי־לי־לי־לי, טרי־לי־לי־לי,
לי־לי־לי־לי, לי־לי־לי־לי!



איך שיק מיין געליבטן א ליבעס־בריוועלע
און לייג אריין א רויט רויזן־בלימעלע:
איך בין שיין ווי א בלימעלע, געליבטער;
ווי א ליליע פון טאל, א פרילינגס־בלימעלע.

איך שיק מיין געליבטן א רויזן־בלימעלע,
פון מיין ליבעס־גארטן א רויזן־בלימעלע,
און הער אין מיין גארטן א פייגעלע
זינגט צו מיר א ליבעס־לידעלע.

איך שיק דיר צוריק א ליבעס־בריוועלע,
פול מיט זיסע ווערטעלעך, געליבטער,
איך בין שיין ווי א בלימעלע, געליבטער;
ווי א ליליע פון טאל, דיין געליבטע פייגעלע.

טרי־לי־לי־לי, טרי־לי־לי־לי,
טרי־לי־לי־לי, טרי־לי־לי־לי,

א. נ. שטנצל

# אויפן לאפציקער יאריד

1.

גארנישט געהאט איינצופאקן, גארנישט מיטצונעמען און דאך נישט אויסגעקומען מיטן טאג צוצוגיין אדער שנעל צוצופארן צו דער יאנאוויץ־בריקע צו זאגן מאסטבוימען אדער לאזן א צעטעלע, אז כ׳פארלאז מיין „פאסטן" און כ׳פאר קיין לייפציק. ס׳איז געווען „ברוך ד יום יום"— א טאג מיט מחיה׳ס מיט טרעפענישן, מיט באגעגענישן ווי תמיד, און נאך מער, ווייל אין מיר צאפלט א דערוואַרטעניש, א נאגעניש — עפעס אנדערשס, עפעס פארהוילנס גרייט זיך הינטער מיר; דער טאג סטייעט נישט, ער חלומט און ער איז מיר אויך אשאד . . .

איינס אזייגער נאך האלבער נאכט, ארויסגייענדיק פונם ראמאנישן קאפעע, דערטאפנדיק דעם נאכט־בילעט אין דער טאש, און מיר איז קלאר געווארן אין וואס סהאנדלט זיך, האט מיך ארומגעכאפט א פאראנטווארטלעכקייט: יענער לאזט איבער א געשעפט אויף דיין אחריות און דו וועסט עס לאזן אויף הפקר? מ׳קאן׳ס דאך נאך איבערנאכט אויסליידיקן . . . א שווערער עסק ביי יענער חברה, וואס דרייען זיך דארטן ארום אונטער דער בריק?. . .

א קנאפע צוויי שעה האב איך נאך צייט געהאט. דער צוג גייט דאך ערשט אפ דריי אזייגער, האב איך מיך געלאזט אויף מיין אויסגעטראטענעם מארשרוט און, מאדנע, ער איז מיר נאך קיינמאל אזוי היימיש און נאנט נישט געווען. איז דאך מיר יעדעס שויפענסטער, יעדע לאמטער, יעדע פרווי אויפן ראג, אין טויער, אזוי אייגן — ממש משפחהדיק! אבער איך האב מיך דאך געמוזט צעזיילן.

כ׳בין אריין אין דעם היט־געשעפט, שנעל אנגעצונדן דעם סטראשידלע

אנגעסטראַיעטן מאַסטבוים נאַכט־לאָמפּ איבערן קאָפּ פון בעט, געלאָזן דעם שליסל אויף דער טאַשעוואַניע, שנעל אַרויס און צוגעקלאַפּט די טיר.

מיך אויסדרייענדיק און דערזעענדיק דעם קאָפּ פון בעט אין דעם בלישטשענדיקן ליכט, איז עס גאָר געווען מאַסטבוימס קאָפּ, וואָס שטראַלט פון זיין איינפאַל: היט אייך, זאָל איך גאָר נישט איינפאַלן דאָ איינצוברעכן . . . דאָרט ליגט עמעצער אין בעט . . . מיין הנאה איז מסתם אויך געווען מחמת דעם שטיקל אחריות, וואָס איך האָב דאָך באַוויזן . . .

אָנקומענדיק צום וואָקזאַל, איז נאָך געווען אַ האַלבע שעה צייט צום צוג. דער וואַרטעזאַאַל איז געווען טונקל באַלויכטן. צוויי דייטשע יידן זענען דאָרטן געזעסן ביי אַ טישל, שטיל גערעדט צווישן זיך ווי נישט צו שטערן די טונקעלע שלאָף־צימער באַלייכטונג און געמישט קליינע נאַטיץ־ביכלעך. זייערע גרויסע מוסטער רייזע־טאַשן זענען געלעגן שאַטנדיק־צעוואַקסן אויף די אַקייגנאַיבערדיקע צוויי בענקלעך. מיך דערזעענדיק, האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ און מיך אָנגעקוקט מיט חשד: מסתם פון יענע טונקעלע פאַרשוינען, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין וואָקזאַל איבערכאַפּן די נאַכט אין אַ טונקל ווינקל. איך האָב מיך געזעצט אינעם ליכט־קרייז ביי אַ נאַנט טישל. זייער רעדן צווישן זיך איז נאָך שטילער געוואָרן.

דעם גרויסן, ליידיקן וואַרטע־זאַאַל האָט עפּעס ווי אַ געהיימער סוד איינגעהילט און איך ווער פאַרוועבט אין אים; מיין שטערן באַוועגט זיך, מיינע ליפּן ווי זיי וואָלטן געגומען שעפּטשען, דרייט זיך אויס צו מיר איינער פון די וואַיאַזשאָרן: „זי אַרען?‟ — אויף יידיש־טייטש מיינט עס: „איר דאַוואַנט?‟—

אַ געוואַלטיקע פרייד האָט מיך אַרומגענומען! כ׳האָב מיך נאָנט צוגעבויגן צו אים, ממש אים אַרומצוכאַפּן: „ווירקלעך, זע איך באמת אַזוי אויס?‟ ער האָט געמיינט, אַז ער האָט צו טון מיט אַ צעדרייטן און זיך שנעל אַ בויג־צוריקגעגעבן.

אָבער ביי מיר איז די פרייד דעמלט געווען געוואַלטיק, ווייל ס׳האָט מיך איבערצייגט, אַז עפּעס ערלעכס און עכטס קומט אין מיר פאָר — עס האָט זיך אין מיר געמאַכט און פאַרטראַכט דעמלט מיין ליד, „שיק איך מיין תפילה צו דיר‟. דאָס ליד, וואָס כ׳הייב דערמיט אָן מיין בוך „און דו ביסט ג אַט‟, געדרוקט אין לייפּציק אין יאָר 1925.

איז איידער איך הייב אָן — און בין לגמרי גאָרנישט זיכער צי איך וועל נאָך מסיים זיין אויפצושרייבן די פּאָר קאַפּיטלעך איבער מיין אַכטחדשימדיקן אויפנטהאַלט אין לייפּציק — איך ווייס נאָך אַפילו נישט פון וועלכן קוק־ווינקל און ליכט־פּונקט איך וועל אָנהייבן און צי וועלן די שאָטנזייטן פאַרטונקלען די אוואַנטוריסטישע צי אומגעקערט . . . איז לאָמיר קודםכל דערציילן די געשיכטע פון דעם לידל, וואָס אַנטהאַלט קוים אַ צוועלף שורות.

אין איין פרימאָרגן — באַלד אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין לייפּציק — שטייענדיק ביי מר־חיימען אין „לאַגער‟ און סאָרטירנדיק



זיינע „קאַנינכען‟ — דער „לאַגער‟ איז אויך געווען מיין שלאָף־געלעגער! אַז וואָס קאָן שוין וואַרעמער זיין און פוכיק־ווייכער אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט ווי אַ טויט־שלעפּעריקער אַ קריך־אַריין צו געבן אין שפּענצער־הויזן אין אַזאַ קופּע אויסגעטרוקנטע „קאַנינכען‟. דו ליגסט? דו שטייסט? דו שווימסט ווי אין אַ היימיש־שמעקענדיקער מקווה. —

הכלל, אין איין פרימאָרגן זאָגט מיר מר־חיים, אַז אַ ד״ר זוהל, אַ באַקאַנטער לייפּציקער דייטש־יידישער שריפטשטעלער, אַ ד״ר פילאָזאָפיע, אַ קונסט־געשיכטע געלערנטער, אַ באַקאַנטע קולטור־פּערזענלעכקייט אין יידישן לייפּציק, וואָס צו אַלע זיינע טיטלען מוז ער זיך נאָך אַלץ דרייען צווישן די פוטערוואַרג־סוחרים אויפן „בריל‟ צו פאַרמעקלען אַביסל פעלץוואַרע‟ זיין אַ קאָמיסיאָנער! אַט דער ד״ר זוהל, אַ געענדיקטער אין דער שווייץ, אַן אויסגעקאָכטער צווישן די דעמלטיקע זשענעווער רוסיש־יידישע סטודענטן־קרייזן און אַ גאָר גרויסער ליבהאָבער אין יעדן אין דער יידישער ליטעראַטור — ווען ער האָט געהערט פון אים, אַז איך בין דאָ, האָט ער אים געגעבן זיין וויזיט־קאַרטל און געבעטן, אַז איך זאָל אַרויסקומען צו אים אויף אַ גלעזל טיי.

מיר האָבן שוין דעם פאַרמיטאָג נישט קיין סך געאַרבעט. מר־חיים האָט מער גערעדט איבער יונה ראָזענפעלדן, דוד בערגעלסאָנען, און איך? אין מיין קאָפּ האָבן זיך מער געסדרט ווערטער אין שורות, ווי סאָרטירטע, אויסגעטרוקנטע האָזן־פעלעכלעך אין קופּקעלעך.

מילא, ראַזירן קאָן מען זיך נאָך, זיך לאָזן אָפּפּודערן אויך, אַפילו אַ שאַמפּיאָן אין געדיכטן קאָפּ האָר . . . אָבער דעם האָזן־ריח פון די צעקנייטשטע הויזן אַרויסצוברענגען איז שוין אַביסל שווערער . . .

אָבער אַז דער שם־טוב שמעקט ווי דער בוימאייל, וואָס מען גיסט פון איין כלי אין אַ צווייטער, האָט מיך טאַקע די פרוי ד״ר זוהל אויפגענומען ביי דער טיר ווי אַ „גרעסע‟: „גאַנץ לייפּציק קלינגט דאָך שוין מיט אייך‟.

זי דערזעענדיק, נאָך איידער איך האָב געהערט די היימיש־יידיש קליבגענדיקע ווערטער, האָבן זיך מיינע אויגן „דיכטעריש‟ אַ צינד־אָן געגעבן און שוין גרייט געווען צו געבן דער פריילעכער טיר־עפענירן מיין אַדרעס פון דער פּאַפּענדאָרפער־שטראַסע פון „קאַנינכען־לאַגער און האָזן־געלעגער . . .

אַריינקומענדיק אין שטוב, זענען מיינע ענטוישטע אויגן, אומבאַהאָלפן גרויס, אויפגעריסן געוואָרן.

ביים טיש זענען געזעסן צוויי יונגע מענער! אַ בלאָנדער מיט אַ ברייטן, געמוסקולטן שטערן, די בלאָנדע האָר אַריבערגעקעמטע, גלאַט־צוגעלעגטע; די שפּראַצנדיקע, זאַפטיקע ליפּן האַלב געעפנט ווי איבערגעריסענע אינמיטן אַן אַריע. און דער צווייטער — אַ שטאַלץ־געשטערעקטער קאָפּ ווי אַרויסגעשרויפט פון אַ לענגלעך־שלאַנקן האַלז מיט אַ זיידן, טונקל בערדל באַהאַנגען; דער שוואַרצער לאָקן־קאָפּ פאַרגלעט זיך און דרייט זיינע קענזשערס אין די פלאַמען, וואָס שיסן פון זיינע פלאַם־פייערדיקע, שוואַרץ־קוילן אויגן.

דער שמייכל אויף די רויט־געשנירלטע ליפן — אט ארומצוכאפן זיך און צוצעקושן.

דערזעענדיק דעם קאפ, האב איך פארשטאנען, אז אהבת דוד ויהונתן קאן אמאל זיין שטארקער ווי די ליבשאפט פון אמנון ותמר.

דער בלאנדער, מיטןברייטן, זאקסישן שטערן, האט זיך ראפטום א כאפ־אויף געגעבן, צוזאמענגעקלאפט די אבצאסן, די זאפטיקייט ארום זיינע ליפן איז פארשוואונדן, און מיט א טרוקענעם ערנסט זיך פארגעשטעלט: ד״ר ריכארד מילער״.

עס האט נישט לאנג גענומען און די פרוי זוהל איז אריינגעקומען מיט דריי גלעזער טיי מיט לימענע און מיט פארבייסן.

די פייערדיקע אויגן אונטער די פרעגלדיק־גלאנציקע לאקן האבן נאך אלץ געקוקט אויף מיר, זיי האבן מיך אדורכגענומען — אז ווער האט גע־קאנט פילן, וויסן, אז אונטערן טיש וואלגערן זיך צוויי געפיללאזע, געלעמטע פיס; אז צום מינדסטן טריט מוז דער שטאלצער מענטש באנוצן צוויי שטעקענער?

פונקט אזוי ער: דערזעענדיק מיינע בלויע, גרויס־פארגאפטע אויגן, מיין פריש־ראזירט, צעשטראלט פנים, האט ער דעם ריח־השדה פון מיינע האזן־הויזן זיכער נישט דערפילט. פאר די אנדערע צוויי קאן איך נישט עדות זאגן..

נאך די ערשט פאר זיפ פון די גלעזער איז ד״ר זוהל באלד אריבער אויף א ליטעראַרישן שמועס:

„וואס זאגן זי צו אונזער געטא? צו היינריך היינע?״

איך האב במשיח לבתומו געענטפערט:

„איך האב זיי אין אריגינאל נישט געלעזן. דא און דארט א ליד אין יידישער איבערזעצונג״.

די אויגן פון ד״ר זוהל, ווי גרויס זיי האבן געקוקט אויף מיר, זענען נאך גרעסער געווארן. ד״ר ריכארד מילער און פרוי ד״ר זוהל קוקן זיך איבער מיט א לייכטן שמייכל, זיי האלטן אים איין ער זאל נישט צעפלאצן: איינגעהאנדלט אויף קאמיסיאן יענעם האז . . . מ׳האט אים שוין עפעס פארמעקלט . .

ד״ר זוהל זוכט אויסצומיידן זייערע אויגן, אבער אויך מיינע און זיין בליק ווערט שטייפער:

„וויאזוי קאן מען שרייבן אין 20סטן יארהונדערט פאעזיע, נישט צו קענען געטען און היינען?״

איך קוק אים אן, נישט פארשטייענדיק:

„וואס מיינט איר? איר זעט, איך שרייב דאך, פונדעסטוועגן . . . און איבריקנס״, ווערט מיין קול ארויספאדערנדיק: „האבן זיי, מיינע לידער געקענט און פונדעסטוועגן . . .״

די צוויי האבן זיך נישט מער געקענט איינהאלטן ביז כ׳וועל ענדיקן דעם זאץ, און מיט זייער איינגעהאלטן געלעכטער ארויסגעפלאצט. אן א



ווארט צו פארלירן, זיך אויפגעהויבן פון זייערע פלעצער — נישט פארגעסנ־דיק מיטצונעמען זייערע גלעזער טיי — ארויס פון צימער מיט א זאץ פון דער טיר.

ד״ר זוהל, צי ער האט נעבעך נישט געקענט באוועגן זיינע געלעמטע פיס כדי צו אנטלויפן, צי עפעס טיפערס האט אים באוואויגן? סוף כל סוף האט ער דאך מיר געקענט דערלאנגען זיין האנט און מיט א הארטער שטימע מיר זאגן: „אויף ווידערזעען, הערר שטענצעל״.

ניין, עס איז עפעס טיפערעס געווען: נישט קיין רחמנות אויף א צע־דרייטן, נישט צו וועלן א מענטשן באליידיקן אין זיין הויז — דער אויסדרוק אין זיינע גרויס־געעפנטע אויגן, דאס באוועגן זיך פון זיין ליכטיקן שטערן דאס הייליק־איינגערעמטע פנים אין דעם לאקן־געפרעגל און בערדל צעשטראלטן — —

עס האט געדויערט א ווײַלע . . . אין די צוויי ארויסגעלאפענע האב איך שוין לאנג פארגעסן . . איינער פון אונז ביידע דא האט דאך אבער געמוזט אנהייבן צו ריידן:

„ווייסט איר וואס, ד״ר זוהל, לייענט מיר פאר א ליד פון דעם געטען און איך וועל אייך פארלייענען מיינס א ליד. וועט מען זעען וועלכעס איז בעסער״ — אזוי האב איך געזאגט פשוט כמשמעו.

כ׳האב געזעען ער איז נשתנה־צורה געווארן. כ׳האב געזעען ער וויל אויפשפרינגען, אבער ער האט דאך נישט געקענט . . . דאס וואונדערלעכע דערפון איז געווען, וואס איך האב נישט געוואוסט פארוואס . . .

און דאס איז געווען דער מאמענט וואס צווישן אונז האט זיך פארבונדן א פריינטשאפט, ממש א ליבשאפט, וואס האט אנגעהאלטן כמה יארן . . .

דאס איינגעראמטע פנים איז נאך קאנצענטרירטער געווארן — ער האט זיך אנגענומען ביים בערדל ווי א תלמיד־חכם, וואס וויל עפעס באַ־שליסן להלכה און אנגעהויבן צו דעקלאמירן נישט ווי מיר ביידע בלויז וואלטן געווען אין שטוב, נאר דא וואלט געווען א פולער זאאל מיט מענטשן און ער שטייט אויפן פאדיום, אויף דער בינע . . .

איך האב אויפגעציטערט, נישט אזוי פון די ווערטער, נאר פון דעם ווי ער זאגט זיי ארויס. איך האב מיך דערמאנט אין די צוויי דייטשע יידן: „זי ארען״?

ווען ער האט געענדיקט, האב איך שוין געהאלטן גרייט דאס ליד „שיק איך צו דיר מיין תפילה״ און נישט געלאזן קיין רגע אפילו אן הפסקה און אנגעהויבן צו לייענען פראסט, פשוט כדבר איש אל רעהו.

בשעת איך האב געלייענט האב איך געזעען ווי זיין פנים בארואיקט זיך סאי פון דער אויפרעגונג און סאי פון זיין דעקלאמירן.

ווען איך בין פארטיק געווארן האב איך אים אנגעקוקט. אין מיין בליק איז זיכער געווען די פראגע:

נו, הערר דאקטאר, וועמענס ליד איז בעסער, דאס אויסגעקינצלטע וואס

איר האט דא אזוי שיין אויסגעחזנט צי דאס פראסטע מיינס, דאס יידישלעך־תחינהדיקע?

איך האב אבער דאס נישט געזאגט. אזויפיל שכל האב איך, אפנים, דאך געהאט! נאר מיין פרעגנדיקן בליק האב איך נאך אויף אים געהאלטן און פלוצלינג כ׳דערזע ווי עפעס צעבראכנס, צעקרומטס שרויפט זיך שווער ארויס, שטעלט זיך הויך און שלאנק אויף און קומט צו צו מיר — איך בין געזעסן ממש א טויט־דערשראקענער: וואס טוט זיך דא? — מיט איין האנט האלט עס זיך אן ביים ראנד פון טיש און די אנדערע שטרעקט זיך אויס ווי מיר ארומצונעמען. און פון די זאפטיקע, רויטשנירלדיקע ליפן קומט ארויס אזא פיינער יידיש, אזא הארציק היימישער און, מאדנע, גלייכצייטיק אזא געשעפטלעך־זאכלעכער:

„ווילט איר איינגיין מיט מיר אין א מסחר, האלב אויף האלב? איך וועל יעדע וואך אפדרוקן א ליד אין דייטשער איבערזעצונג און דער האנאראר וועט זיין חצי שלי וחצי שלך“.

איך האב שוין דאס לידל נישט צוריק אריינגעלייגט אין בוזעם־טאש צום פעקל כתבים, וואס האט זיך דארטן געזאמלט און איז נישט־זעעוודיק אלץ אנזעעוודיק געווארן ווי א יונגע ברוסט, וואס האלט זיך אין אנטוויקלען.

ד״ר זוהל, זעענדיק דעם פאק פון כל־המינים פאפירלעך און א צולאג דערצו דעם דיקן העפט, די דריי־אקטיקע דראמע מיט א פראלאג און געגראמטן עפילאג, „אין אויפגיין“, האט ער זיך דערשלעפט צו דער טיר, זי אויפגעריסן: „איר מעגט שוין אריינקומען, די קאמיסיאן איז אפגעשלאסן“. און ווי זיי האבן נאר באטרעטן די שוועל, האט ער אנגעהויבן צו דעקלאמירן דאס צוועלף־שורהדיקע לידל „שיק איך מיין תפילה צו דיר“ אויף דייטש. בשעת איך האב עס אים פארגעלייענט, האט עס זיך אים אין קאפ משמעות איבערזעצט און ס׳איז שוין געבליבן שטעקן.

דאס ליד „שיק איך צו דיר מיין תפילה“ האט נאך א „העפי ענד“, אבער דאס קומט ערשט פאר אין יאר 1927 אין פראנקפורט־אם־מיין און אין מינכן. אבער פארוואס כאפן די פיש פאר דער נעץ? מיר האבן דאך א גוטן ג־אט און מיר וועלן זיך, אי״ה, אפשר דאך דערווארטן—אויפן „פארטזעצונג קומט“.

* * *

ווען איך האב מיך אויפגעהויבן צו גיין, האט זיך ד״ר ריכארד מילער, ווי אויף א באפעל, א שטעל־אויף געגעבן און הילכיק צוגעקלאפט די אבצאסן. ס׳איז אבער נישט געווען מיט מיר זיך צו געזעגענען, נאר מיט די בעלי־בתים פון הויז — ער וויל מיך באגלייטן, אויב איך דערלויב.

מיר זענען שוין ביז נאך האלבער נאכט געזעסן אין בארימטן גוטע ווייך־קעלער פון לייפציקער פאעטן און קינסטלער, און איך האב שוין געוואוסט פון ריכארדן: אמת, ער איז טאקע פון פאך א מעדיצינער, אבער



זיין אמתער בארוף איז מוזיק. ער האט שטודירט אין לייפציקער בארימטן קאנסערוואטאריום און אלע פרייטאג איז ער פון די ערשטע אין דער באך־קירכע, וואו דער גרויסער קאמפאזיטאר איז געווען דער ארגאניסט און מ׳שפילט יעדן פרייטאג דארט זיינע זונטיק־קאנטאטעס.

ער האט אויך שוין געוואוסט, אז מיין וואוין־און־שלאף צימער איז דער „קאנינכען“־לאגער אין פאפענדארף־שטראסע, ווייל א ריכטיקע דירה דינגען קאן איך מיר נישט, ווייל כ׳האב נישט קיין פאס.

די היינטיקע נאכט זענען מיר שוין, די ביידע „יונג־געזעלן“, „געשלאפן“ אין „בארימטן“ אילומינירטן „האנס זאקסט־געסכען“. . . און אין דער פרי בין איך שוין געווען איינגעמאלדן, ווי דער פאעט וואס באזעצט זיך אויף א צייט אין לייפציק ארויסצוגעבן זיינע „געזאמטע ווערקע“ און שוין גע־האט א מעבלירט צימער אין סטודענטן און יונג־געזעלן־היים וואו ער, ריכארד, האט געוואוינט.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

## דעם תפארת שלמה׳ס סידור

איך האב געהאלטן דעם סידור,
פון תפארת שלמה אין דער האנט,
פון וועלכן ער האט געדאוונט;
פון די טאוולען, דער לעדער־איינבאנד —
די הויט וואס קנוילט זיך פון אלטקייט,
ארום א בליק — געלויטערט פארשטאנד.

כ׳הארך דעם שארך פון די בלעטער — —
הער איך נישט דעם עכא פון זיין קרעכץ,
וואס באהאלטן זיך דא פאר שרעק,
א ייד צו העלפן זיין הארץ געלעכצט:
אך, טאטע פאטער, אז ווען שוין,
וועט אויפהערן אויף דער ערד דאס שלעכטס?

כ׳האב אין סידור אריינגעקוקט,
א ציטער איבער מיין לייב געשפירט:
צי פיל איך נישט דעם פינגער־דרוק,
זיינע פינגער האבן אנגערירט?
געפינט זיך דא נישט זיינס א טרער,
פון א יידס צער געווארן גערירט?

זע צווישן די סידור־בלעטער,
ס׳ליגט נאך א קוויטל פון אזא ייד — —
און אפשר שוין נאך זיין פטירה,
אריינגעלייגט, און ער זיך געמיט?

צי איז עס דען נישט אין זיין זכות,
אז כ׳שרייב נאך איצט אין יידיש א ליד.

„ויצא משה לפני אחיו״—
משה אויסגעגאנגען פאר א ייד״:
דערמאנט מען זיך אין אזא ווארט
פון שאול־תחתית ארויס נאך עס ציט —
„כל עצמותי תאמרנה״—
פרייד — יידישקייט אין די ביינער גליט.

## דער „חסד לאברהם״

בר־כוכבא נאראד ער זאל געזונט זיין

פון „חסד לאברהם״, זכר לברכה,
אז דער טאטע פלגעט אנהייבן דערציילן,
יעדעס ווארט ארויסגעקומען קיילעכדיק —
ר׳וואלט גאלדענע רענדלעך גענומען ציילן.

פון זיין חדווהדיקן, שיינענדיקן בליק
אין אלע ווינקעלעך ליכטיק טוט ווערן;
מיט אפענע מיילער ארום מיר זיצן,
מיט קלאפנדיקע הערצער צוצוהערן:

פאר יעדן ייד מיט שווער הארץ ביטער געמיט,
תמיד זיין יחוד־שטוב טיר געווען אפן;
בחוש ממש געפילט געהאלפן שוין מען איז,
אז מען איז נאר ביז צו זיין שוועל דערלאפן.

מיט זיינע גוטע, שטראלנדיקע אויגן,
ווען ער האט גענומען ס׳קוויטל לייענען,
דער אייגענער ווייטאק איז שטיל געווארן —
דערהערט פון זיין הארץ ס׳דערבארעמדיק וויינען.

נישט היינט געדאכט, די מאמע איז קראנק געווען,
זיינע בליקן קוקן און פרעגן:
„פראדל גענענדל בת חיה״. . . ווי חיה?
דער חסד־שמייכל אויף זיין מויל געלעגן — —

דאס מעשהלע דער טאטע נעמט דערציילן —
ווי שיין די מאמע פלעגט דאס דעמאלט ווערן;
האט זי דאך איר נאמען פון טאטנס ליפן
אזוי ארום אמאל כאטש געקענט הערן . . .



## דער רבי ר׳ חזקעלע

ביז מ׳האט אים געברענגט ער זאל אנגעמען א קוויטל,
ער זאל אין די שבתים דעם רבישן טיש פירן — —
דער זוהר? דער אר״י? אים די גמרא גענוגט,
יומם ולילה פון איר זיך נישט אוועקצורירן —

ווער האט כוח צו שפאלטן ס׳ווארט, זיך אריינלייגן דרין,
ווי דער טאטע האט עס געטון טאן און ווי דער זיידע?
ווער האט דעם שארפן מוח, ווער דאס ברענענדיקע הארץ,
מ׳האט אים צוגעפירט צום טיש, ברענגען אויף דער עקידה.

מען מוז זיך אליין קאנען ווארפן אין די פלאמען —
ווערטער זאלן הויך אויפפליען פייערדיקע פייגל!
אויב נישט, שפרינגען זיי אויף — רויך־שטויב אין וויסטן מדבר,
אויף וואלקן־בעזעם א גילדן־טאנצנדיקער עגל — —

דער שמש דעם שריים שוין טיילט, די זמירות —
די בית־מדרש ווענט מיט די חסידים מיטגעזונגען.
דער רבי אלץ טיפער געזונקען אין זיך: און אז
כ׳וועל שוין פרעגן א קשיא, א תירוץ גוט געלונגען?

אויף ג־אטס ווארט איז קיין קשיות נישטא וואס צו פרעגן,
„נעשה ונשמע״! שטיל מען מוז קאנען זיין און הארכן —
יעטוועדע רגע דעם „איכה״? וואו ביסטו, מענטש?
וואו האלטסטו? הערן ג־אטס שריט צווישן געצווייג־שארכן.

שטיל ר׳ חזקעלע געזעסן, דער עולם ארום
געווארט אויף דער תורה, א ווארט שיחת־חולין כאטש הערן;
נאכן טיש האט ער זיך מיט א קרעכץ אויפגעהויבן,
געווען איז דאס טישטוך אויסגעווייקט אין הייסע טרערן.

א קינד כ׳בין געווען, מיט מיינע אויגן געזען כ׳האב
דעם רבין א מטושטשן פון טיש זיך אויפגעהויבן — —
ראפטום שטיין געבליבן, ווי אין עפעס זיך דערמאנט,
און תורה צו זאגן מיט גרויס דבקות אנגעהויבן.

## דער לעצטער פון דער גזע

פון לעצטן פון דער גזע, דעם קדוש,
זיך געראטעוועט זיין זילבערנער בעכער;
אים אויסגעטרונקן ביז לעצטן טראפ,
קוקנדיק אן טרער אין אויג פון פארברעכער.

דעם בעכער איך האב געזען — פון געוויין
פון מיינע אויגן אנגעפולט געווארן:
קדושים־כוס, איבערגייענדיקער,
געבליבענער צום אייביקן זכרון.

כ׳הער זיין קול „ורוממתנו מכל לשון“
און פאר מיין בליק פון די קוילן די לעכער,
און מיינע ליפן ציטריק צעביסן,
בלוטיקן תחינהדיק: אויב נישט נאך העכער.

קיין איין ייד אין ראדאמסק נישט געבליבן,
איז פון רבינס קידוש בעכער געווארן
קדושים־בעכער אנגעפילטער מיט,
„שפוך חמתך על הגוים“ — גרים־צארן.

## צום 19׳טן אפריל 1970

אז אדענאוער שוין דעמלט אין „יד־ושם“,
די קדושים־ליכט פייערלעך אנגעצונדן,
פארוואס נישט איצט דארט „שטאכל־שווין“ קאמעדיאנטן,
חזריש זיך נארען אין אונזערע וואונדן?

האט מען נישט לאמפיאנען קונציקע שוין געמאכט
פון הויטן פון קינדער־פנימלעך אפגעשונדן?

באמת צי האט דען די דויטשע קולטור־נאציע,
ווי א פאלק קייגן יידן א זינד באגאנגען?
ווארהאפטיק, דא און דארט א „שופט“, א „טויגעניכטס“,
אויף דעם — גוטמאכונג! א ביטע בלויז דערלאנגען.

מיר נאך דערלעבן די געטא־פייערונגען
באשיינען מ׳וועט מיט וואגנער־ און שטראוס־געזאנגען.

## אז מ׳צאלט מעג מען זיך פארגינען

אויב א סאדיסט קאן באצאלן,
די טאט וואס ער איז באגאנגען,
פארוואס נישט ווידער אויסברעכן,
מיט זיינע תאוה־פערלאנגען?

א לײדנשאפט וואס מען קען קויפן —
א צווייט מאל אויף טאפלטן אופן!
אז שוין זויפן — איז זיך באזויפן!!

אויב אזויפיל און אזויפיל,
געצאלט פאר זעקס מיליאן לעבן,
דאס אנדערע מאל — צוועלף מיליאן,
און דאס טאפלטע געגעבן.

ער מוז נאר מער געלד אפרויבן,
זיך צו קענען עס דערלויבן,
נאך תאוהדיקער צו באטויבן.

און דאס וואס ס׳ערשטע מאל געווען,
א קינדער־שפיל נאר דאקייגן,



ווען אין קרבן ווידער בלוטיק,
לײדנשאפטלעך זיך איינזייגן.

ווי די סליבע וועט דאס אים רייצן,
א חיה וואס איז אראפ פון זינען!
אז מען צאלט מעג מען זיך פארגינען.

— אבער וויאזוי באצאלן,
אז נישט בלייבן ס׳וועט קיין איינער?
— נו, ס׳וועט שוין זייער׳ס א פראפעט,
לעבעדיק מאכן די ביינער.

און דער רוצח מיט זיין קרבן,
טאפלט די „שילומים“ דערווארבן,
פייערן גרויס א פרישן חורבן.

עלען ווינאגראד

## „ארום דער וועלט מיט אידיש טעאטער

פון הערמאן יאבלקאוו, אין צוויי בענדער

וועגן אידיש טעאטער איז געשריבן געווארן פארשידנארטיק דורך אקטיארן, פארשער, אידישער געלערנטע און סתם ליבהאבער פון אידיש טעאטער. פארשטייט זיך, אז יעדער איינער ברענגט עס ארויס אויף אן אנדערן אופן. דאס בוך, וועגן וועלכן איך וויל היינט רעדן, איז אן אויטאביאגראפישע טעאטער־דערציילונג. און טאקע דערפאר זיינען די באשרייבונגען אינטים, ווארים און אינטערעסאנט. הערמאן יאבלקאוו איז כמעט די גאנצע צייט אבסארבירט מיט מענטשן. ער טוט זער זעלטן אין זיין בוך אנאליזירן דאס טעאטער־שפילן אין דעם ניווא, פון דעם וואס ער באשרייבט. זייענדיק אזויפיל יארן אין אמעריקע, איז ער פארשטענדלעך איבערגענומען פון די דערגרייכונגען, וואס די אמעריקאנער אידישע בינע האט געשאפן.

ווען מיר לייענען זיין בוך אדער בעסער געזאגט זיינע ביכער, באקענען מיר זיך מיט אסך פערזענלעכקייטן ארום דעם אידישן טעאטער: אקטיארן, „מענעדזשערס“, מוזיקער און אויך שטעט און שטעטלעך אויף דעם ריזיקן שטח פון די פאראייניקטע שטאטן, וואו מען האט געשפילט אידיש טעאטער.

איך אליין בין שוין פאַרבונדן מיטן אידישן טעאטער א שפאר ביסל יארן. אין פוילן, וואו איך בין געבוירן און אנגעהויבן צו שפילן אידיש טעאטער, האט מען געלייגט מער וואג אויפן טעאטער אליין ווי אויף זייטיקע זאכן; ווי א שטייגער „ווײדזשעס“, „מענעדזשערס“ און אזוי ווייטער. דער גייסט איז געווען דער גייסט פון פיאנער, אידעאליסט. מען קאן זאגן — פאנאטיקער. עס איז א נאטירלעכע דערשיינונג, ווייל אין פוילן האט מען נישט דערווארטעט קיין צו גרויסע זאכן. דערפאר אבער האט מען אנגעשטרענגט אלע חושים, כדי צו שפילן וואס בעסער טעאטער. דער שיינענדיקער שטערן איז געווען אמעריקע. פון דארט זיינען געקומען גאסטראליארן, עלעגאנט אנגעטון, מיט פולע קעשענעס מיט געלט. זיי האבן מיטגעבראכט א באגאזש פון פיעסן, טעאטער־קאסטיומען, מוזיק, ארראנזשירונגען און אסך מאל אויך אייגענע טרופעס. דאס איז געווען פארן אידישן טעאטער אין פוילן אן אויפ־

לעבונג, א בלוט־טראנספוזיע, אן וועלכע מען האט זיך נישט געקאנט באגיין. דער שידוך פון אידעאליזם מיט מאטעריעלע מיטלען איז געווען פערפעקט און האט פארפאלקאמט די ארבעט.

ווען מען לייענט אבער דאס בוך, זעט מען א געוויסע ארעמקייט פון אידישן טעאטער. א, נישט, חלילה, אין מאטעריעלן זינען! דאס איז געווען געבוג, נאר מען זעט נישט ארויס דעם שיינענדיקן שטערן, דעם זילבערנעם וועג, אן וועלכן אידיש טעאטער האט נישט געקאנט אויפבליען.

הערמאן יאבלקאוו איז נאך אלע יארן לעבן אין אמעריקע געבליבן א הארציקער, גראדנער בחור. דורך דעם גאנצן בוך שיינט אדורך זיין פריינטשאפט צו מענטשן און חברים. בשעת אנדערע אקטיארן און שרייבער שרייבן בלויז וועגן זייער דערפאלג און פארגעסן באקוועם וועגן דער טונקעלער זייט פון זייער קאריערע, טוט הערמאן יאבלקאוו כסדר דערמאנען די מאגערע צייטן און דאס גיט אריין אין זיין בוך אן אויטענטישקייט. איר זעט דארט נישט ארויס קיין אראגאנץ טראץ דעם וואס הערמאן יאבלקאוו פארנעמט א גאר בכבודיק און אנגעזעען ארט אין אידישן טעאטער און אין קולטור־לעבן אין אמעריקע.

זיין פערזענלעכקייט און שפרודלדיקע ענערגיע שטאמט פון זיין אויפריכטיקן ענטוזיאזם צו אידיש טעאטער און לעבן בכלל. ער קומט אייך אלעמאל אנטקעגן מיט א שמייכל און אן אויסגעשטרעקטער האנט, און קיינמאל ווערט נישט אנטוישט ווען ער דארף פון אים א טובה.

איך וויל זיך יעצט באזונדער אפשטעלן אויף די קאפיטלען אין זיין בוך, וואס האבן צו טון מיט זיינע איבערלעבונגען אין פארשידענע צייטן פון אידישן לעבן אין פוילן און אין ליטע. און עס איז א שפארער שפרונג. ער הויבט אן פון דער צייט, ווען דאס צארישע רוסלאנד האט נאך געהערשט אין פוילן. אויף א רירנדיקן און באשיידענעם אופן באשרייבט ער אט די דאזיקע צייט.

די מורא פאר דעם מארגן; די עלטערן, וואס האבן געציטערט, אז זייערע קינדער זאלן, חלילה, נישט אריינפאלן אין די הענט פון די רוסן; און ווייזט אונז א בילד פון יידישן לעבן אין יענער צייט. באזונדער אינטערעסאנט באשרייבט ער זיין אנקומען קיין אמעריקע אלס עמיגראנט. זיין שילדערונג פון דעם „טרערן אינזל“, עליס איילאנד, איז רעאליסטיש, באזיצט אסך טראגישן הומאר און קען באצייכענט ווערן אלס א קליין מייסטערווערק.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה ענדיקט זיך ענדלעך קען הערמאן יאבלקאוו נישט איינרוען. אמת, עס פעלט אים גארנישט אין אמעריקע, ער בענקט אבער נאך די מענטשן און ערטער פון זיין יוגנט.

מיט גרויס מי און איינשטעלנדיק כמעט זיין לעבן לאזט ער זיך שפילן אידיש טעאטער אין דעם נאך־מלחמהדיקן פוילן. די קאפיטלען אין זיין בוך, וואו ער באשרייבט זיין פארן אין די די־פי קעמפט, זיינען ווירקלעך א הויכע דערגרייכונג פון לעבעדיקן בילד, מיט וועלכן דער גרעסטער שרייבער וואלט זיך נישט באדארפט שטעמען. ער פארט מיט זיין אידיש ליד און פאעמע



אדורך גאנץ פוילן ווי אויך אנדערע לענדער.

ער ענדיקט דאס בוך מיט זיין באזוך אין זיין געבורטסשטאט גראדנע. ווען איך האב די באשרייבונג געלייענט בין איך גערירט געווארן ביז צו טרערן און ווידער פארכאפט געווארן אין מיין פאנטאזיע פון אונזער גרויסער טראגעדיע.

אין זיין באשרייבונג איז נישטא קיין ביטערקייט, נאר א טיפע און אומבאגרענעצטע טרויעריקייט נאך דעם, וואס עס איז געווען.

עס קומט אים באמת א גרויסער דאנק און אנערקענונג פאר דעם מענטשלעכן און ווערטפולן דאקומענט, וואס ער האט אונז מיט אזא ברייטער און פריינטלעכער האנט געשאנקען.

י. ל. פיין

## איך בין אמאל יונג געווען

(צו מיין פריינט סעם הערסט)

איך בין אמאל אויך יונג געווען
און האב אין זיסע חלומות געלעבט.
די וועלט איז פאר מיר דאן קליין געווען
און צו די הימלען האב איך געשטרעבט.

פון מזרח צו מערב איז געווען בלויז א שפרונג,
און דאס זעלבע פון דרום ביז צפון;
מיט רייכע פאנטאזיעס, פייערדיג, יונג
און מיט א ווילן צו לעבן און האפן.

איך האב געוואלט אויסגלייכן בערג און טאלן
און שאפען ברייטערע האריזאנטן;
א וועלט פון גלייכהייט האב איך מיר געמאלן
מיט ליבשאפט צום ווייטן און נאענטן.

איך האב געשטרעבט צו נעמען פון רעגנבויגן
צו פארבען צו באציערן דערמיט די גרויע וועלט,
און אזוי נאך באלייכטן אלעמענס אויגן
צו זען אז אויך שיינקייט קען זיין אויף דער וועלט.

מיין יוגנט איז אבער ווי א בליק פארשוווּנדן
צוזאמען מיט אלע זיסע חלומות.
געבליבן זענען נור די אפענע וווּנדן
און זכרונות ווי צוטראטענע שמות.

איצט ווען דעם חשבון־הנפש איך באלאנסיר
פון מיין לעבן דעם שווערן, דעם פולן,

געפין איך אז גאר בלאנק איז מיין לעבנ׳ס פאפיר
און די אונטערשטע שורה איז בלויז נולן . . .

שמאל פיעדערער

# ש. י. הארענדארף ז״ל

## צום ערשטן יארצייט פון א יוגנטפריינט

שוין פאריבער באלד א יאר צייט אז דער מלאך־המוות האט אוועקגעריסן פון אונז דעם טאלענטירטן שרייבער און גוטן חבר ש. י. הארענדארף. ס׳איז נאך אלץ שווער זיך צוגעוווינען צום געדאנק אז דער טייערער נפטר האט איבערגעלאזן זיין שיינע, רוהיקע הייזקע אין דער ווודלאנד־סטריט פון לאנדאן, זיין שרייבטיש און, אחרון־אחרון חביב, זיין געטרייע פרוי נעלי וואס איז אים געווען א עזרת־כנגדו, געגעבן גייסטיקע אינספיראציע פאר זיין שאפן — און איז אוועק אין דער אייביקייט. ווילט זיך דערמאנען, לזכר און לשבח, עטלעכע פרטים פון אונזער פריינטשאפט וואס האט אנגעהאלטן א ערך פון 50 יאר, וואס האט מיר דערמעגלעכט נאכצופאלגען און אפשאצן די עטאפן פון זיין קולטורעלער טעטיקייט פון דער פריעסטער יוגנט ביז׳ן סוף פון זיין ערדישער עקזיסטענץ.

איך האב זיך באקאנט מיט הארענדארפ׳ן אין יאר 1920 אין דער שטאט ווין, אין לאקאל פון די דארטיקע „פועלי־ציון“ ווו־אהין עס זיינען געקומען פילצאליקע פארטיי־חברים פון פוילן, גאליציע און אנדערע לענדער בכדי צו פארטרייבן דעם אומעט פון פרעמדקייט אין דער יעקעשער סביבה. חוץ אידעיאישער פריינטשאפט האט אונז אויך פארבונדן דער בשותפותדיקער אינטערעס פאר יידישע פאלקסלידער, טעאטער לידער מיט וועלכע הארענדארף האט מיך באקאנט געמאכט, מיט מיר איינשטודירט. ווען איך האב געוואלט פארשרייבן די מעלאדיעס אויף נאטן האט ער נישט געלאזט. „יידישע לידער זינגט מען נישט פון נאטן נייערט פון הארצן, פון דער נשמה: עס מוז ארויסקומען ממעמקים“ האט ער מיט מיר געקנעלט און מיר פארהאלפן צו א שטיקל דערפאלג אלס סאליסט פון לידער־אוונטן.

ער האט אויך געקנעלט מיט אנדערע חברים דעם ענין „רעציטאציע“ פון יידישער פאעזיע, אליין צוגעגרייט די פראגראמען פאר ליטערארישע אימפרעזן וואס האבן געהאט דערפאלג און אפילו אליין געמאלען די אפישן, ווי א אמת׳ר שילדערמאלער. ווייזט אויס אז דאס איז דעמלט געווען דער „בראשית“ פאר זיין שפעטערדיקער טעטיקייט אלס געניטער אימפרעסאריא פאר יידישע טעאטער־אנסאמבלען, לויט ער האט דאס אזוי בולט באשריבן אין זיין בוך „טעאטער־קאראוואנען“. מער פון אלץ האט אונז יונגווארג דעמלט איבעראשט ווען ער האט אנגעהויבן שרייבן — אלס „פאלבנער“ מיטארבייטער — אין דער ווינער יידישער צייטונג „מארגנפאסט“. מיר האבן אויף אים געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ (מאנכע מיט קנאה) ווען ער איז אפט



געזעסן אין זשורנאליסטישן קאפעי „נאציאנאל“ און דיסקוטירט מיט אנדערע, עלטערע שרייבער ווי מיט זיינס גלייכן.

היות די שרייבערישע פארדינסטן האבן ניט געסטאיעט אויף פרנסה האט דער יונגער בלאנדער „קראסאוועץ“ זיך פארבונדען מיט יידישע טעאטער־טרופעס, געווארן זייער אימפרעסאריא און זיך ארויסגעלאזן איבער די מדינות. אין יעדן יאר איז ער, אין משך פון עטלעכע חדשים, נעלם געווארן פון און ערשט צוריק געקומען „בין־הזמנים“ נאך דעם טעאטער־סעזאן: אנגעלאדן מיט פרישע איינדרוקן און איבערלעבענישן. ס׳איז געווען א גרויסער נחת־הרוח אים צו הערן דערציילן וועגן זיינע קוריאזע פאסירונגען מיט די שוישפילער, טעאטער־עולם און פון די יידישע סביבות ווו ער האט ארומגעוואנדערט יאר־איין יאר־אויס. איינצייטיק האט ער זיך שטארק פאראינטערעסירט מיטן דייטשן טעאטער פון ווין און זיך געחברט מיט די פני פון דער ווינער ליטעראטור. ער האט אין זיך איינגעזאפט די קינסטלערישע אטמאספערע פון דער וועלטבארימטער שטאט ביים „בלויען־דאנוי“ וואס האט אויך משפיע געווען אויף זיין אופן שרייבן וואס מען קא קוואליפיצירן אלס: ווינעריש, פעליטאניסטיש.

אט דער „ווינער באהעמיען“ פון כענטשין, פוילן האט אויך שטארק נושא־חן געווען ביים „שיינעם געשלעכט“ סיי אין ווין סיי שפעטער אין פראג ווו ער האט געווילט אלס אפיציעלער קארעספאנדענט פון ווארשעווער „מאמענט“ אבער, ער האט פשוט ניט געהאט קיין צייט צו קלערן וועגן א „תכלית“, געווען שטענדיק פאריאגט מיט טעאטראלישע און זשורנאליסטישע ענינים. דאס אייגענע אין לאנדאן ווו ער האט עמיגרירט אנהויב פון דער צווייטער מלחמה, בפרט אין פעריאד פון זיין גרויסן דערפאלג אלס מחבר פון דער פיעסע „דער קעניג פון לאמפעדוזע“, וועגן וואס איך האב זיך דערוווסט אין ניו־יארק.

תיכף נאך דער מלחמה ווען דעם שרייבער פון די שורות האט זיך פארבענקט צו פארן צוריק קיין אייראפע איז מיין ערשטע סטאנציע געווען לאנדאן בכדי, קודם־כל זיך צו זען מיט מיין יוגנטפריינט הארענדארף. האבן מיר שעהן־לאנג ארומשפאצירט איבער די ברייטע גאסן פון דער יידישער געגנט ווייטשעפל, באטראכט די מורה׳דיקע חורבות וואס די דייטשע באמבארדירונגען האבן דארט צוריק געלאזן, געוואנדערט לענגאויס דעם טעמזעטייך צום מערבדיקן טייל פון שטאט וואס האט אויך געמאכט אויף מיר א מרה־שחורהדיקן איינדרוק אבער הארענדארף האט נישט דערלאזט אז א יאוש־שטימונג זאל באגלייטן אונזער לאנדאנער באגעגניש. מיט זיין עסטעטישן כוח־הדיבור האט ער כסדר פארקירעוועט אונזער שמועס אויף די פריערדיקע צוואנציקער יארן, ווען מיר ביידע האבן אין דער שיינער שטאט ווין, מיט יוגנטלעכן ברען זיך ארייגעווארפן אין דער קולטורגעזעלשאפטלעכער ארבעט, ביי די קרייזן פון פועלי־ציון און געשעפט עמערוויז התלהבות און סאטיספאקציע פון אונזערע מינימאלע דערפאלגען.

בעת מיין דריטער לאנדאנער באגעגניש מיט אים, מיט וואסערע 13 יאר צוריק, האב איך שוין געהאט דעם כבוד זיך צו באקאנען מיט זיין חנודיק־אינטעליגענטער פרוי נעלי, וועלכע האט אויף מיר געמאכט א בנעימותדיקן רושם, סיי מיט איר מראית־עין, סיי מיט איר ווינערישן סענטימענט וואס האט אזוי הארמאניש אריינגעפאסט צו דער ספעציפישער פערזענלעכקייט פון דעם קוועקזילבערדיק־סימפאטישן טיפ ש. י. הארענדארף. בין איך געווען זייער צופרידן וואס מיין יוגנטפריינט האט, נאך א לאנגען זוכעניש, געפונען זיין רעכטן זווג וואס האט אין אלע פרטים אים געגעבן אינספיראציע פאר זיין שרייבעריש, געזעלשאפטלעכער אקטיוויטעט. ביי מיינע ווייטערע באזוכן אין זייער גאסטפריינטלעכן הויז האב איך זיי ביידן געטראפן גליקלעך־צופרידענע און געשעפט נחת פון דער לאנדאנער משפחה הארענדארף.

אלס איינער פון זיינע אמאליקע „ווינער" פריינט טרויער איך אינאיינעם מיט זיין פאראבלטער פרוי נעלי, מיט דער לאנדאנער שרייבער־משפחה און מיט זיינע לייענער וואס האבן האנה געהאט פון זיינע מאמרים.

זאל אים די ערד גרינג זיין! **תנצב"ה!**

**נעלי זאקס**

## א טויט קינד רעדט

די מאמע האט מיך געהאלטן ביי דער האנט,
דערנאך האט עמעץ אויפגעהויבן דאס מעסער פון טויט,
די מאמע האט אפגעלאזט איר האנט פון מיינער — —
אז דאס מעסער זאל מיך ניט טרעפן.
אבער זי האט לייכט מיין לענד נאך איינמאל אנגערירט — —
און שוין עס האט איר האנט געבלוטיקט.

זינט דעמאלט האט מיר דאס מעסער פון טויט צעפיצלט
דעם ביסן ברויט אין דער קעל — —
עס איז אין מארגנדעמער ארויסגעקומען מיט דער זון
און געגומען שלייפן זיך אין מיינע אויגן,
אין מיין אויער האבן זיך געשניטן ווינטן און וואסערן,
און יעדער שטים פון טרייסט האט געשטאכן מיין הארץ.

ווען זיי האבן מיך געפירט צום טויט,
האב איך אין דער לעצטער רגע נאך געשפירט
דאס ארויסציען פון גרויסן מעסער.

יידיש: שמעון ווזעק

**אונזער טיפן מיטלייד** צו אונזער פריינד שרה לאה האכשטיין צום פלוצלינגן טויט פון איר שוועסטער.

פריינט פון יידיש לשון



## „בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז"!

ווי וועט איר סמייען, איר גייסטיקע פירער פון ישראל, צו זאגן דעם תהלים־פסוק ביים סדר בשעת אונזער יידיש מאמע־לשון האט נאך דעם סטאטוס פון „לשון־לועזית" אין דער יידישער מדינה? איבער א העלפט איינוואוינער פונם לאנד ריידן, פארשטייען און לייענען יידיש און אפיציעל איז זי אריינגערעכנט צווישן די פרעמדע שפראכן ווי דייטש, פויליש, ווי שפאניש אא"וו. אן אייגענע שפראך, וואס מיליאנען יידן אין די גלות־לענדער ריידן, פארשטייען און לייענען און פארמאגט אזעלכע פראזאאיקער און פאעטן, וואס קאנען זיך פארמעסטן מיט די גרעסטע שרייבער אין די לענדער וואו זיי וואוינען?

ווי שעמט איר זיך נישט צו קוקן אין פנים אריין אזעלכע יידיש־שעפערישע מענטשן, תושבים אין לאנד, ווי ק. צעטניק, ישעיהו שפיגל, אברהם סוצקעווער, אריה שמרי׳, יוסף פאפירניקאוו און צענדליקער אנדערע, כן ירבו, און זיי זאגן, אז זייער שפראך איז א „לשון־לועזית"?

און איר, אונזער פריינט דוב סדן, אלע וויי־חכמות ביי דער זייט, וואקלען נישט אייערע קני ביים ארויפגייען אויף דער יידיש־קאטעדרע אין דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין הייליקן ירושלים, וויסנדיק בשעת מעשה, אז יידיש ווערט אנגערופן אין אייגענעם לאנד לשון־לועזית?

באמת, איך בין רויט געווארן — און נישט נאר פון חרפה! — בשעת איך האב געלייענט אין א פאראנטווארטלעכער יידישער צייטונג: „אין ארגענטינען קומט פאר אן אמתע אנטי־יידיש וואקכאנאליע מצד ישראל־שליחים... פאקטיש א פאגראם..."—

אויב יידיש איז א לשון־לועזית,
זענען אזעלכע „שליחים" טאקע
א „כינים־מכה" אויפן יידישן לייב;
גריזשען זיך אין אים איין, גניזדען זיך איין,
אויסצונאגן פון אים לעצטן איבערבלייב.

די שטרויענע העלדן געווינען לייכט:
ווייל די אסימילאציע מכל־המינים,
שטרעקן לייזיקע זשמעניעס זייערע הענט:
יא מדינת־ישראל, נישט עם־ישראל —
אבער מיט יידיש וועט דאך נעמען אן ענד!

יידיש, דער גרעסטער שוץ פון יידישן קיום אין די לעצטע טויזנט יאר, די באנייאונג פון אונזער נאציאנאלן כוח. אן יידיש וואלט העברעאיש געווען די השכלה־בריק צום אונטערגאנג.

אונזער געוואלדיקער המשך פון קונטרס־רש"י, וואו א ווארט פון דער תורה ווערט נאך פארטייטשט מיט א בלע"ז ביז צו אונזער עפאכע מיט אן אייגן זאפטיק יידיש־לשון, מיט א וואונדערלעכן פאלקלאר, וואס אין די גרעסטע וועלט־שפראכן קיים צו געפינען — רוממנו מכל לשון! — מיט א מאדערנער ליטעראטור — א נישט ככל הגוימדיקע! — נאר מיט די גרויסע

קולטור־פעלקער גליך, זאל אונזער יידיש־לשון גאר זיין א לשון־לועזית אין אונזער אייגענער מדינה? דאס איז באמת א „מכה אשר לא כתובה בתורה". און דאס אין א דעמאקראטישער סאציאליסטישער מלוכה־ארדענונג, און זאל חלילה קומען אן איבערקערעניש אויף רעכטס אין דער כנסת, וועט עס דאך שוין זיין רעכט, אז די יידיש־מאדערנע קולטור און ליטעראטור איז אין גאנצן „להדם". און ווען עס וועט ערשט, אי"ה, אויפשטיין א נייער דור סאבּרעס, אשר לא ידע את יוסף", איז וואס דעמלט מיט אונזער גרויסער קולטור־ירושה און תורה־המשך פון יציאת־מצרים ביזן איצטיקן יציאת־פוילן.

*ש.*

## לאנדאנער קולטור ידיעות (המשך)

זונטיק, דעם 19׳טן אפריל, 3 א זייגער די ווארשעווער געטא־אויפשטאנד הזכרה איינגעארדנט פון פריינט פון יידיש לשון, יידישער ארבעטער פארטיי דער בונט אין דעם רידינג־רום אינסטיטוט. רעדעס, רעציטאציעס פון די ווערק פון די קדושים־שרייבער, געטא־לידער. די הזכרה וועט מאכן דער גוט באקאנט אקטיאר לעאן בלומענזאן.

אין די קומענדיקע וואכן דערשיינט א בוך דערציילונגען פון משה בעקערמאן ע"ה. דאס בוך דערשיינט צו דער ערשטער יארצייט פונם מחבר.

צום 7׳טן יארצייט פון דעם שרייבער שלמה אויערבאך, מיין פריינט וואס איך טראג אים אין מיין זכרון — צום אייביקן אנדענקן:

גוסטא געפמאן.

אין דעם לעצטן „ברענטראסט" אין דין סטריט איינגעארדנט פון שרייבער פעראיין און דעם יידישן וועלט קאנגרעס האבן זיך באטייליקט ישכר דוד, יואל צאנק און דר. שטערן. פארזיץ: יוסף פרענקל.

ווי פרוי הארענדארף טיילט אונז מיט וועט די מצבה אויף דעם קבר פון ש. י. הארענדארף ע"ה אויפגעשטעלט ווערן, זונטיק, דעם 17׳טן מאי 2.30 אויפן בית עולם אין בוש. מיר בעטן אונזערע חברים זיך צו מערקן דעם דאטום און קומען אפגעבן דעם לעצטן כבוד.



ש. י. הארענדארף ע"ה

### יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

(בערנאר באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33 א.1.—3 אזייגער)

שבת, דעם 18׳טן אפריל א רעפעראט פון יעקב ריכטיגער וואס איז אזוינס שבת הגדול, פון ווו שטאמט דער נאמען.

שבת, דעם 25׳טן — די 55 יארצייט פון י. ל. פרץ: לייענען פון די ווערק פון אונזער גרויסן קלאסיקער וועלן: אייזיק גאלדבערג, נעט רובין, משה רעגן, זינגען פרצ׳ס לידער — מאיר באגדאנסקי.

שבת, דעם 2׳טן מאי א פארטראג פון סעם לעוו: 100 יאר לענין.

290

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־5 (העפט 3־471) 31־סטער יאר מאי־יולי 1970, לאנדאן

אינהאלט


| | | |
|---|---|---|
| דריי יאר ירושלים של מעלה, ווער איז א ייד? | *** | 3 |
| די אידעי פון גוט און שלעכטס (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 6 |
| דעם מלך הורדוס רעדע צו זיינע חיילות | יוסף פלאוויוס | 10 |
| א טרעמפ (ליד) | מאניא הירש | 15 |
| אויפן לאפציקער יאריד (המשך) פרילינג־לידער | א. נ. שטענצל | 16 |
| צום יארצייט פון אויפשטאנדן ווארשעווער געטא | מאיר באגדאנסקי | 29 |
| 1917 יזכור 1943 | אסתר ערליכמאן | 31 |
| בית־לייוויק — כי לעולם חסדו, הרב גורן ביים יום ירושלים | ש. | |


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

### יידיש ליטעראריש שבת-נאכמיטאגס

(בערנארד באראן סעטלמענט הענריקעס סטר. 33 א.1. — 3 אזייגער)

שבת דעם 27 יוני — לייענען פון משה בעקערמאנס דערציילונגען, צו זיין ערשטער יארצייט.

שבת דעם 4׳טן יולי — רעדנער י. א. ליסקי, לייענען — ח. נ. בענקוויטש

שבת, דעם 11׳טן לייענען פון שלום אשס ווערק — נעט רובין און שלמה זשוקאווסקי, צו דער צוועלפטער יארצייט פונם גרויסן שרייבער.

שבת דעם 18׳טן די טראדיציאנעלע הערצל־און ביאליק יארצייט ריידן איבער הערצלען ח. נ. בענקוויטש, לייענען און זינגען—רובין און באגדאנסקי.

שבת, דעם 25׳סטן צו דער יארצייט פון א. מ. קייזערס דערציילונג וועט נעט רובין לייענען פון קייזערס דערציילונגען.

**לעבעדיקע צייטונג** (זונטיק, 19׳טער יולי, דין־סטר. ווו 1). רעדנער: י. געווירץ איבער משה שרת; ברכוכבא נאראד — וולאדימיר זשאבאטינסקי; יוסף פרענקעל — טעאדאר הערצל; א. נ. שטענצל — ח. נ. ביאליק

רעציטירן ביאליקס לידער — יוליאן גאלד, איינגעארדנט פון יידישן וועלט קאנגרעס און שרייבער־פעראיין.

**פרייז 2 שילינג**


אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*